NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09608

BLUMEN FAR PERLEN

Gitl Citrin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלומען
פאַר
פערלען

בלומען פאַר פערלען



פון גיטל ציטרין

פאַרלאַג „פריינט"

ניו־יאָרק — תשכ"ו — 1966

GITL CITRIN

BLUMEN FAR PERLEN

(Flowers for Perl)

•

FARLAG "FREINT"
New York, N. Y., U. S. A.

•

Copyright, 1966
by
GITL CITRIN
188 So. 2nd St.
Brooklyn, N. Y.

•

צייכנונג פון משה צוקער

PRINTED IN U. S. A.
by:
Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street. New York, N. Y. 10003
96

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין איינציקער
טאָכטער — פּערל.

גיטל ציטרין

אַ וואָרט פון דאַנק

אַ טייל לידער וואָס גייען אַריין אין בוך זיינען מיר אייגן ניט בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב זיי געשריבן, נאָר דער עיקר — פאַר וועמען איך האָב זיי געשריבן. איך בין דער עיקר אויסן געווען אויס־צוזינגען מיט זיי דעם צער פון אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלוירן איר איינציק קינד. אפשר איז עס צו פּערזענלעך, אָבער וואָס אין לעבן איז נישט פּערזענלעך? איך ווייס אויך ניט ווי געראָטן אָדער נישט געראָטן מיינע לידער זיינען, אָבער איך ווייס אַז איך האָב זיי גע־שריבן מיט בלוט פון מיין האַרצן צו שטילן מיין ווייטיק און בענק־שאַפט...

די לידער זיינען אַלע געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע ליטע־ראַרישע זשורנאַלן. אויפזאַמלענדיק זיי אין אַ בוך האָב איך דאָס געפיל פון אַ מאַמע, וואָס קלייבט צונויף אירע צעזייטע און צעשפּריי־טע קינדער אונטער איין דאַך און ביי איין טיש. איך האָף, אַז זיי וועלן נושא־חן זיין ביי די לייענער — און אפשר אויך ביי די קרי־טיקער.

איך וויל דאָ באַדאַנקען יעדן איינציקן וואָס האָט מיך געשטאַרקט און געמוטיקט אָנצוגיין מיט מיין שרייבן און מיך צוגערעדט אַרויס־צוגעבן די לידער אין אַ זאַמלונג. דעם גרעסטן דאַנק, פאַרשטייט זיך, קומט מיין מאַן, ישראל, ער האָט גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם — צו זען די לידער אָפּגעדרוקט אין אַ בוך.

אַ ספּעציעלן דאַנק וויל איך דאָ אויסדריקן אונזער פריינד, דעם באַקאַנטן זינגער, עמוד־קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָר און שרייבער, מרדכי ירדני, וועלכער האָט אַחוץ זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס אויך גע־האָלפן טעכניש צוגרייטן די מוזיק פון די אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרס, וועמען איך שעץ און וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

גיטל פריילעך־ציטרין

נ. ב. — דער גאַנצער איינקונפט פון בוך וועט גיין פאַר יידי־שער דערציאונג אין אַמעריקע.



פערל ציטרין ע״ה

פערל ציטרין

זונטיק, דעם 19טן פעברואַר, 1950 איז נאָך אַ קורצער קראַנקייט געשטאָרבן פּערל ציטרין אין עלטער פון 22 יאָר.

פּערל איז געווען אַ גראַדואירטע פון דער וויליאַמסבורגער אַרבע־טער־רינג־שול. זי האָט אויך גראַדואירט די אַרבעטער־רינג־מיטלשול און געלערנט אויף די אַרבעטער־רינג־קורסן.

נאָך אַלס אַ קליין קינד, ווען זי איז אָנגעקומען אין דער וויליאַמסבורגער אַרבעטער־רינג־שול, האָט זי אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ליבע און אינטערעס צו די יידישע לימודים און זיך אַלע מאָל זייער גוט אויסגעצייכנט אין די שול־קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען. זי איז געווען פון יענע קינדער, פון וועמען די לערערס, די עלטערן און די שול־טוערס האָבן אַלע מאָל געהאַט גרויס נחת.

ווען זי האָט פאַרענדיקט די מיטלשול, האָט זי אין משך פון די זומער־חדשים געאַרבעט ווי אַ קאָנסלערין אין דעם ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג־קעמפּ. ווען דער קאָנסעלאָר־סטעף פון קעמפּ האָט געגרינדעט אַן אַרבעטער־רינג־בראַנטש, איז זי געוואָרן אַקטיוו אין בראַנטש און פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַרין. זי איז באַלד געוואָרן פּאָפּולער אין די אַרבעטער־רינג־קרייזן און זי איז געוואָרן באַשטימט ווי אַן אָנפירערין און דערציערין פון אַ גרופּע יוגנטלעכע פון דער „יאַנג־סוירקל״־אָפּטיילונג.

אין דער זעלביקער צייט האָט זי פאַרענדיקט ברוקלין־קאַלעדזש און טיטשערס־קאַלעדזש פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט מיט אַ מאַסטער־דיגרי.

דורך דער צייט האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ יונגן מאַן, אַ כעמיסט פון ברוקלין־קאַלעדזש, און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אָוק־רידזש, וואו זי האָט געקראָגן אַ שטעל ווי אַ לערערין פון זשורנאַליזם אין דער דאָרטיקער היי־סקול. דאָרטן האָט זי אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע גרופּע וואו זיי האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען אויף יידישע טעמעס און אין אַלגעמיין אָנגעפירט מיט יידישע קולטור־טעטיקייטן אין יענעם שטעטל.

ווי אַ לערערין אין היי־סקול איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם נאַ־

ציאָנאַלן קאָונסיל פון די אַמעריקאַנער לערערס פון ענגליש און זשורנאַליזם אין די העכערע אַמעריקאַנער לערן־אַנשטאַלטן.

זי איז געווען דאָס איינציקע קינד פון די פּריוואַט ציטרין, אַקטיווע טוערס פון דער וויליאַמסבורגער אַרבעטער־רינג שול דריי. איר טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער און צער ביי די לערערס און טוערס פון דער שול, ווי ביי יעדן איינעם וואָס האָט זי נאָר געקענט.

זאָל איר גוטער נאָמען און ליכטיקער אָנדענק זיין אַ טרייסט פאַר אירע עלטערן. אַ טרייסט, וויפל מ׳קען טרייסטן עלטערן אין אַזאַ טראַגישן פאַל.

די לערערס און שול־טוערס וועלן אַלע מאָל געדענקען פּערלען, ווי אַ ליב און געטריי קינד פון אונדזער שול־באַוועגונג.

(איבערגעדרוקט פון זשורנאַל „קולטור און דערציאונג", נ. י. 1950)

אינהאַלט:

קערנדלעך — 13
אין געאייל — 14
עלעגיע (טויבן) — 15
ליבע טויבן — 16
איסט ריווער — 17
עס וועקט זיך שוין די ערד — 18
מענטש און גלאַנץ — 19
אין די בערג — 20
ווער ס'האָט דיך געקענט — 21
אין באַן — 23
אַ תפילה — 24
די יידישע ווערטער — 25
רינע — די בלומען קלייבערין — 26
אין געיעג — 27
דער ניגון — 28
אין אַ זוניקן פרימאָרגן — 29
שיפעלע מיין — 30
בענקשאַפט — 31
די זאַנג — 32
געליבטסטע מיין — 33
אונדזער קעמפ — 35
אַ זומער אָן רעגן — 36
אין אַ פריידיקער מינוט — 37
די אומצופרידענע — 38
דער נייער בוים — 39
בטחון און גלויבן — 40
ניט פרעג — 41
איך וואָלט געוואָלט — 42
אַ דאַנק — 43
בלומען פאַר דיר — 44
די דיכטערין — 45
צוריק אַהיים — 46
איך וויל — 47
די שבת־ליכט — 48
יידן שרייבן לידער — 50
אין דער שטיל — 51
דאָס מיידל פון דרום — 52
דער קראַנקער דיכטער — 53
זאָגט דער סאָלדאַט — 54
אויף וואַקאַציע — 55
קנאה־בליקן — 56
ביים פרישן קבר פון אברהם רייזען — 57
דער אָנזאָג — 58
אין האַרבסט — 59
צו אַ נאָענטן — 60
עס קומט אַמאָל — 61
טייכן זיינען פול — 63
א. לוצקי — 64
דער מייסטער — 66
די אַנטוישטע — 67
צו אַ קינד — 68
ווי אין יעקבס חלום — 69
אין מיין גאָרטן — 70
וואו ביסטו — 71
צו אַ חבר — 72
אין האַרבסטיקן געמיט — 73
אויף אַ לאַנקע — 74
די טרויעריקע מאַמע — 75
זינג מיט מיר — 76
אַן אָנדענק — 77
ניט פאַרצווייפל — 78
אַ געבעט — 79
דער דיכטער — 80
שבת־שירה — 81
דאָס 12טע יאָר — 82
האָפנונג — 83
ווייל איז דעם פּאָעט — 84
צו אַ פריינד — 85
פרילינגס־קלאַנגען — 86
חיה און מענטש — 87
איך גיי אויף דער גאַס — 88
ראש־השנה אין די בערג — 89
ניט פרעג — 90
אַ לאַמטערן — 91
אַליין — 92
ערגעץ־וואו — 93
גוט יום־טוב — 94
דו פרעגסט מיך — 95
פרילינג — 96
ווינטער — 97
אויפן הייליקן אָרט — 98
דערוואַכונג — 99
אויף ניו־יאָרקער גאַסן — 100
אין בענקשאַפט — 101
אַ מאַמע רעדט — 102
רעדער — 103
פלאָרידע — 104
יאָר נאָך יאָר — 106

מיינע געפילן — — — — — — — 107
גיטעלע די שוחט׳קע — — — — — 108
קליין איז מיין וועלט — — — 110
די מאָלערין — — — — — — — 111
דאָס רעדל פון דער וועלט — — 112
בייזע ווינטן — — — — — 113
ניט באַדויער — — — — — — — 114
אַ בשורה — — — — — — — — 115
אין שאָטן — — — — — — — — 116
איך זוך — — — — — — — — 117
דער הימל איז בלוי — — — — 118
קנאה — — — — — — — — — 119
אין קאַמף — — — — — — — — 120
לויב־שטויב — — — — — — — 121
פריינדשאַפט אין לייד — — — — 122
ביי די ליכטער פון שבת — — 123
אין תהום פון לעבן — — — — 124
דער באַשאַף איז געטלעך — — 125
איך האָב זיך גענאַרט — — — 126
דער דורשטיקער פויגל — — — 127
אַ יעדער — — — — — — — — 128
אין וואונדן — — — — — — — 129
געדאַנק און פאַרלאַנג — — — 131
דעם באַשעפערס ווילן — — — 132
אַ שטיין אויפן פעלד — — — 133
זיין געבענטשטע האַנט — — — 134
מלחמה־שאָטנס — — — — — 136
גוט מאָרגן — — — — — — — — 137
דיאַלאָג מיטן שכל — — — — 138
אָ, בייזער מזל מיין — — — — 139
אַ ליכט־שטראַל — — — — — — 140
אַ תכלית — — — — — — — — 141
אַזוי גיך — — — — — — — — 142
זיי גנעדיק — — — — — — — 143
אין מיין זכרון — — — — — — 144
דער טרוימער — — — — — — — 145
פאַר אַ שענערער וועלט — — — 146
געפאַלן אין קאַמף — — — — 147
איינזאַם — — — — — — — — 148
אַ ליכט אויסגעלאָשן — — — — 149
מיין שליסל — — — — — — — 150
איך ציל — — — — — — — — 151
דער עכאָ — — — — — — — — 152
ניט באַוויין — — — — — — — 153
אין זיין וואָרט — — — — — — — 154
מיינע פלאַנצן — — — — — — — 155
אויף ניו־יאָרקער גאַסן — — — 156
אַליין מיט זיך — — — — — — — 157
אין אָנדענק פון די קדושים — — 158
פאַר מיין פענצטער — — — — 159
אָן מורא — — — — — — — — 160
אין געוויין — — — — — — — — 161
עוזיאל פליישמאַן — — — — — — 162
צו שפעט — — — — — — — — 163
עלעגיע — — — — — — — — — 164
נאַטור און מענטש — — — — — 165
די פאַרלוירענע קרוין — — — 167
די לערערין העלען — — — — 168
ווערטער ווי פערל — — — — — — 169
אַמאָליקע פאָעטן — — — — — — 170
דאָס פאַרבאָרגענע — — — — — — 171
אין קלעם — — — — — — — — 172
מיין ליד — — — — — — — — 173
דאָס לאַנד זאָל זיין — — — — — 174
ישראלס פרילינג — — — — — — 175
פאַרלאָזן — — — — — — — — 176
אומרו — — — — — — — — 177
עכאָס — — — — — — — — — — 178
פערל (יידישע ווערטער) — — — 179

●

צו די פאָלגנדיקע לידער איז פאַראַן מוזיק:

עלעגיע (טויבן) — מיכל געלבאַרט — — — — — — — — — — 182
ליבע טויבן — מרדכי ירדני — — — — — — — — — — — — 183
דאָס מיידל פון דרום — הענעך קאָן — — — — — — — — — 184
די יידישע ווערטער — מרדכי ירדני — — — — — — — — — 185
אין אונדזער קאַמף — שמואל פערשקאָ — — — — — — — — 186
פערל (יידישע ווערטער) — מיכל געלבאַרט — — — — — — 187
שיפעלע מיין — מרדכי ירדני — — — — — — — — — — — 188
דאָס רעדל פון דער וועלט — הענעך קאָן — — — — — — — 189

●

ש. גרינשפאַן: גיטל ציטרינס לידער — — — — — — — — — — 190

קערנדלעך

איך האָב פאַרזייט קערנדלעך אַרום מיין הויז —
עס זאָלן בלומען וואַקסן שיין און גרויס.
עס זאָלן שפּראָצן פלאַנץ נאָך פלאַנץ —
פאַר איר אַ בלומען־קראַנץ.

נאָר ס׳זיינען מער ניטאָ די בלומען, ס׳הויז, —
אַ צער און ווייטיק בלויז...
איך קוק צום ווייטן ים און ס׳האַרץ ווערט שווער, —
ווער קען דעם ים צאַמען, אָפּהאַלטן מיין טרער?

ניטאָ דער כוח דעם ים צו צאַמען,
און אָפּצושטעלן דעם ווינט אין פעלד,
און ווער קען שטילן דאָס געוויין דער מאַמעס:
אַז דאָס איינציק ליבע קינד איר פעלט?...

אין געאייל

אין טרוקענעם מדבר, אין איינזאַמען וואָגל,
אַ וואַנדערער האָט אין דעם טיף הייסן זאַמד
אַ דורשטיקן פויגל דערזען און זיין לאָגל
געעפנט צו לעשן ביים פויגל דעם בראַנד.

אַוועק איז דער פויגל צוריק אין די הויכן,
מיט פליגל צעשפרייטע אַוועק מיט געזאַנג.
פאַרטראַכט איז דער וואַנדערער; גליק צו דערהייבן
קען יעדער אַפילו אין איינזאַמען גאַנג.

און דאָ אויף אַ פעלד ליגט אַ פויגל אַ קראַנקער,
און ס׳פליסט דאָ אַ רוישיקער טייכל דערביי;
אַ פויגל אַ קראַנקער, אַ דורשטיקער צאַנקט ער,
נאָר ס׳לויפן די מענטשן אים האַסטיק פאַרביי.

מען זעט ניט דעם פויגל אין אַנגסטן פאַרגאַנגען,
מען לויפט אים פאַרביי אין דעם ווילדן געיעג;
ניטאָ ווער ס׳זאָל וואַסער אַ טראָפּן דערלאַנגען —
דער פויגל זאָל ווידער צום הויך־ווייט אַוועק.

ע ל ע ג י ע

(טויבן — ערשטע ווערסיע)

צו מיין פענצטער קומען טויבן,
קומען זאָרגלאָז פריי;
שטעלן אויס זיך ביי מיין פענצטער
מיט אַ וואָרקעריי.

טויבן קליינע, טויבן שיינע,
האָט איר וואו געזען,
דאָרטן אין די טיפע הויכן
וואו איר זיינט געוועזן,
אויך מיין טויב וואָס איז פאַרפלויגן
צו די הימלען וואו?...

זאָגט איר דאָרטן ליבע טויבן,
כ׳האָב דאָ ניט קיין רו...
פליען וואו אַוועק די טויבן,
ווערט מיר אַזוי שווער.
בלייב איך איינזאַם אין מיין בענקען
און אין אויג — אַ טרער.

* די מוזיק צום ליד פון מיכל געלבאַרט געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

ליבע טויבן *

(צווייטע ווערסיע)

(אין אָנדענק פון מיין טאָכטער פערל)

צו מיין פענצטער קומען טויבן,
קומען זאָרגלאָז פריי.
שטעלן אויס זיך ביי מיין פענצטער,
מיט אַ וואָרקעריי.

טויבן קליינע, טויבן שיינע,
וואו זיינט איר געווען ?
האָט איר אין די הויכע ספערן
אויך מיין טויב געזען ?

ס׳איז מיין איינציק טויב אויך ערגעץ
אין די בלויע הימלען וואו.
זאָגט איר דאָרטן, ליבע טויבן :
כ׳האָב דאָ נישט קיין רו...

פליען וואו אַוועק די טויבן,
מ׳הערט קיין וואָרקען מער...
בלייב איך איינזאַם אין מיין בענקען
מיט אַ „פערל״-טרער...

* די מוזיק צום ליד פון מרדכי ירדני געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

איסט ריווער

הענגט אַ בריק איבערן וואַסער —
אייזן, שטאָל און דראָט;
גרויסער וואונדער — שטעט באַזונדער,
איז איין גרויסע שטאָט.

אונטן יאָגן זיך די כוואַליעס,
אויבן — יאָגט מאַשין;
ביידע רוישן, ביידע ריידן,
ווער ווייס זייער זין?

גליען שטראַלן און זיי פאַלן
אין דעם וואַסער־טיף;
וויגט זיך אויף די וואַסער כוואַליעס
רואיק שטיל אַ שיף.

קומט די נאַכט — לבנה, שטערן,
וואַרפן זייער שיין —
אויף די כוואַליעס און דאָס וואַסער
שלינגט די שטערן איין.

אויפן בריק — פאַרליבטע הערצער,
חלומען פון גליק;
הימל, וואַסער, שיפן, שטערן, —
צווישן זיי — דער בריק.

הענגט אויף שטאָלענע מוסקולן,
אויף מוסקולן דריי
מענטשנס שאַפונג, גאָטס גרויס וואונדער,
אַזוי שיין און פריי!

עס וועקט זיך שוין די ערד...

עס וועקט זיך שוין די ערד,
עס פרילינגט שוין אין רוים;
צו לעבן ניי, באַגערט —
אין תפילה — איצט דער בוים:

— אָ, גאָט, באַניי מיך ווידער
מיט זומערדיקן בליען;
מיט פויגלדיק־געזאַנג,
אין שאָטנדיקן רועז...

די זון זאָל מיינע צווייגן
וואַרעמען און גלעטן;
און פרימאָרגן־טויען —
מיינע בלעטער זעטן.

און מידע מענטשן זאָלן
זיך אונטער שאָטן מיינעם קילן;
און קליינע קינדער זאָלן
אַרום מיר זיך לוסטיק שפּילן...

מענטש אין גלאַנץ

מענטש, ווי פלאַנץ,
זיך נערט פון ערד;
ווי בוים, ווי בלום —
צו ערד געהערט.

מענטש, ווי רעגן,
טראָפּ נאָך טראָפּ;
שפּאַנט איוף וועגן —
אַרויף, אַראָפּ.

מענטש, ווי ווינט,
שטורמיש און מילד;
ווי זון — עס צינדט,
ווי וואַסער — קילט.

מענטש, ווי פלאַנץ —
צו ערד געהערט;
מענטש אין גלאַנץ —
פאַרגעסט זיין ווערט.

אין די בערג

איך לייג אַוועק מיין קאָפּ דעם מידן,
אויפֿן ווייכן גראָז אין פֿעלד,
נעמט זיך דאַכטן: כ׳בין צופֿרידן
סיי מיט זיך און מיט דער וועלט.

ביימער איבער מיר זיך וויגן,
ס׳גלעט דער ווינטל צאַרט אַזוי,
קוק איך מיט האַלב־אָפֿענע אויגן
צו דעם הימל טיף און בלוי.

איבער מיר די פֿייגל זינגען,
בלעטלעך שושקען זיך דערביי,
שפּיצן ביימער אין שטראַלן־רינגען
פֿון זון קוקן הויך און פֿריי.

נאָר באַלד קומט צוריק דער אומעט,
בענקשאַפֿט נאָגט דאָס האַרץ און נאָגט,
ווערן שיינקייטן ווי תּמיד
און די פֿרייד פֿון מיר פֿאַריאָגט.

ס׳האַרץ כאַפּט אויף די שטילע קלאַנגען
פֿון דעם ווינט, פֿון גראָז און בליט.
נאָר דער קלאַנג וואָס איז פֿאַרגאַנגען —
יענעם קלאַנג דערהער איך ניט.

ווײנט דאָס האַרץ ניט צו דערהערן,
און פֿון קיינעם צו פֿאַרשטיין,
בלויז די גראָזן און די שטערן
הערן אַ מאַמעס שטיל געוויין...

ווער ס׳האָט דיך געקענט

(צו דער מצבה־אויפדעקונג פון אונדזער איינציקער טאָכטער פערל)

וואו ס׳האָט די נאַטור דיך
ווי אַן אוצר פאַרפלאַנצט,
זאָל איבער דיר אייביק
גרינען די ערד;
און מיר וועלן פון בלומען
דיר פלעכטן אַ קראַנץ,
און פון דיינע מעלות
דערציילן די ווערט:

ווי דו האָסט זיך שטיל
און באַשיידן געלעבט,
און צו אַ שענערער וועלט
כסדר געשטרעבט;
„ניט שיין זיך צו רימען" —
פלעגסטו אָפט זאָגן,
און געלאָזט אַ צווייטן
דיינע מעדאַלן טראָגן...

ווער ס׳האָט דיך געקענט
וועט עדות איצט זאָגן,
ווי דיין ערנסט־געפיל
מיט פריילעכקייט געבלענדט
וואָלטן מענטשן פיל זיך
געוואונטשן צו פאַרמאָגן.

דערפאַר טוען מיר איצט
דיינע מעשים טובים
ווי שיינע בלומען קלייבן
און טיילן זיי צווישן
גוטע פריינט און קרובים,
עס זאָל ביי זיי אייביק
דיין אָנדענק בלייבן...

ווען דו האָסט געהאַלטן
אונדז אין דערהויבן,
האָט איבערגעריסן
דער באַנד זיך אינמיטן...
נאָר ס׳וועט דיין געדעכעניש
קיינמאָל ניט צעשטויבן;
מיר וועלן טיף אין האַרצן
כסדר דאָס היטן...

אין באַן

איך זיץ אין באַן און הער זיך איין
ווי צו דעם טאַקט די רעדער זינגען;
עס פליט די באַן, שלינגט מיילן איין,
און יאָגט מער מיילן צו פאַרשלינגען.

איך קוק פאַרטראַכט אין נאַכט אַרויס;
פון ווייטער הויך די שטערן ווינקען, —
און אין דעם אימפּעטיק געוויש
דער ריטם פון די רעדער זינגען.

עס יאָגט די באַן אַלץ שנעלער, שנעל.
און טראָגט מיין האַרץ מיט איר צוזאַמען;
די שטערן שימערירן העל,
און ווינקלען נאַכט און האַרץ אין פלאַמען.

אָט לויפט די באַן פאַרביי אַ טייך,
אָט שטייט אַ באַרג נאָך פון פאַרצייטן;
אָט שלענגלט זיך אַ וואַלד און גלייך
פאַרשווינדט ער ערגעץ אין דערווייטן.

אָט לויפט די באַן פאַרביי אַ פעלד
מיט הייזלעך, שויבן אָנגעצונדן;
ווי פייער־פליגן אין אַ נאַכטיק וועלט —
אַ בליץ — און ווערן באַלד פאַרשוואונדן.

עס טראָגט די באַן מיך ערגעץ וויית,
פאַרוויגט מיך אין אַ רואיק דרימל;
דאָס האַרץ ווערט גרינג, פון זאָרג באַפרייט,
דאָ אונטער שטענדיקן הימל.

אַ תפילה

(געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין טאַטע־מאַמע
פערל און מרדכי־אליעזר)

אָ, גאָט! זאָל זיין מיין הויז
אויף אַ פעסטן פונדאַמענט;
אַז ווען עס ברעכט אַ שטורעם אויס —
זאָלן ניט צעפאַלן אירע ווענט.

און טיר און פענצטער זאָלן אָפן זיין
פאַרן מידן וואַנדערער אין וועג;
און ברענגען זאָלן זונענשיין
אין הויז צו מיר מיינע טעג.

און קלינגען זאָל אין הויז צו מיר
דורך אָפענעם פענצטער פייגל־קלאַנג,
און פון מיין ברייט צעעפנט טיר
זאָל הערן זיך אַ פרייד־געזאַנג.

ניט שרעקן זאָלן מיך די נעכט,
ווען ס׳קלאָגט דער ווינט אין גאַס;
און צווייגן אין דעם וואַלד צעברעכט,
און בלעטלעך רייסט אַראָפּ מיט כעס.

אָ, גאָט! פאַרנעם מיין שטיל געבעט,
און שענק אַ ביסל פרייד און רו;
און אין דער נאַכט, אין שפעטן שפעט,
אַ מידן קאָפּ צו לייגן וואו...

די יידישע ווערטער *

(צווייטע ווערסיע)

די יידישע ווערטער איך קלייב זיי
ווי פערלביים ברעג פונעם ים.
עס לעבן די ווערטער ווען כ׳שרייב זיי,
אין אָפּקלאַנג פון יידישן שטאַם.

איך שעפּ זיי די ווערטער פון קוואַלן,
וואָס רוישן באַרוישן ווי ווייַן.
זיי דרינגען ווי ליכטיקע שטראַלן,
אין אומעטיק האַרץ מיר אַריין.

איך צערטל די יידישע ווערטער,
פון ליד וואָס דערהויבט און באַלוינט.
ס׳ווערט נעענטער מיר דאָס באַגערטע,
פון וואָרט וואָס האָט ליד מיינס באַקרוינט.

אין יידישן ליד כ׳האָב געפונען,
אי פרייד, אי געלייטערט געמיט.
ווען איך האָב די ווערטער געשפּונען,
צו שטילן מיין בענקשאַפט דורך ליד.

* די מוזיק צום ליד פון מרדכי ירדני געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

רינע — די בלומען־קלייבערין

(געווידמעט רינען, די טאָכטער פון לואי קיטאַי)

זי זאַמלט די קינדער אַיעדן פרימאָרגן,
ווי בלומען אין גערטנער פריש און צעבליט;
פאַרשווינדן די זאָרגן אין האַרץ אירס פאַרבאָרגן,
ווערט פריילעך און ליכטיק איר טרויער־געמיט.

עס הילכן אַרום איר געלעכטערס פון קינדער,
פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ פויגלס געזאַנג
און וואונדערלעך ווערט איר, ליבער און מילדער:
די זון און דאָס גליאיקע קול פונעם קינדער־קלאַנג.

עס יאָגט זיך איר אויטאָ אויף געפלאַסטערטע וועגן,
די קינדערלעך פירט זי, ווי בלומען פון פעלד,
ס'בלויט זיי פאַרנאַכטיקער הימל אַנטקעגן
און אין די היימען וואַרט מען מיט ליבשאַפט — באַהעלט.

די קינדער ווי בלומען, זי זאַמלט מיט ליבע —
די בלומען, די קינדער, — און ס'זינגט איר געמיט,
מיט זיי זי פאַרגעסט דאָס פאַרבאָרגענע, טריבע,
די קינדערלעך זיינען איר טרייסט און איר ליד...

אין געיעג

ווען דערזען איך האָב זון אויפן וועג,
האָב איך טיר און פענצטער אויפגעמאַכט, —
נאָר אַ שטורעמווינט, אין ווילד געיעג,
האָט איר געשטאַלט צוריקגעבראַכט.

בין איך אויפן וועג אַרויס,
און זיך געלאָזן גיין וואו בלינד:
וואו פירט דער וועג? וואָס מאַכט עס אויס?
צו זונענשיין, צו שטורעמווינט?

און פאַר די אויגן — אַ פייער זייל
האָט דורכגעשפיזט אין דעם אַרום,
און איז אַוועק אין זיין געאייל,
און מיך געלאָזן קראַנק און שטום.

קיין זיפץ. קיין קרעכץ. קיין אויסגעשריי —
ווען ס׳האָט די בענקשאַפט מיך גענאָגט;
געמיש פון זון און ווינט און וויי, —
און ווייטיק האָט געיאָגט, געיאָגט...

דער ניגון

(געווידמעט מיין ברודער און שוועגערין
סעם און יעטע פריילעך)

עס האָט מיין ברודער מיר דערציילט:
ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען —
האָט מיין מאַמע מיך געוויגט־פאַרוויגט —
מיט אַ ניגון חסידישן — שיין;

און געווען דער ניגון זיס און צאַרט,
פלעגט פאַרשלעפערן מיך — באַלד,
מיין ברודער האָט געוואוסט וואָס כ׳האָב געגאַרט,
און געמאָלן מיר מיין מאַמעס געשטאַלט.

דעם ניגון האָט דער טאַטע אונדז געבראַכט
פון מאָדזשיצער רבין, זיין התלהבותדיקן געזאַנג,
אין דביקות הייליקער פאַרטראַכט,
ווען שכינה האָט געוועקט אין אים אַ דראַנג...

דער טאַטע — אין הויז און אין שטיבל
פלעגט דעם ניגון זינגען נאָכאַנאַנד,
און די מאַמע אים געזונגען ביי מיין וויגל,
מיין ברודער אין שול ביי דער מזרח־וואַנט.

און איצט האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט
ס׳געזאַנג וואָס פלעגט מיך גרינג פאַרוויגן,
אין מיר זיך רעגט און וועקט —
אַ ליד צו שרייבן לויט דעם ניגון...

אין אַ זוניקן פרימאָרגן

אין זוניקן פרימאָרגן זיינען פייגל געפלויגן
רונד אַרום אין פרימאָרגנדיקער וועלט.
צאַרט האָט אַ ווינטעלע געגלעט און געבויגן
די הויכע, גרינע גראָזן פונעם פעלד.

אין גרינע, בלוי־גאָלדענע פאַרבן
האָט זומער זיך צעשפּיגלט אַרום.
זונשטראַלן פלאַמיקע און בונטע גאַרבן
פאַלן אויף בוים און אויף בלום.

ווערט אין בלענדנדיקן פלאַם געצונדן
נייער טאָג אין העלן בלוי,
פעלד און וואַלד ווערן צונויפגעבונדן
אין פרימאָרגנדיקן גלי.

ווער איך אויך באַנייט אין פרימאָרגן
מיט פרישן כוח אין געמיט,
וועל קענען גרינגער טראָגן מיינע זאָרגן
און אויסשפּינען עס אין ליד.

שיפעלע מיין *

(אין אָנדענק פון מיין טאָכטער פערל, צום 6טן יאָרצייט)

אָ, שיפעלע, שיפעלע, שיפעלע מיין,
דו האָסט מיך געטראָגן, פאַרוויגט מיך אין רו;
דער טייך אַזוי רואיק, אין גאָלדענעם שיין,
און דו האָסט געפירט מיך צום ווייט ערגעץ וואו.

און איך בין געשוואומען, פאַרדרעמלט אין גליק,
אויף רואיקן בלוילעכן טייך פול מיט שיין;
מיט שיין פון דעם הימל און זוניק מיין בליק,
אָ, שיפעלע, שיפעלע, שיפעלע מיין.

נאָר פלוצעם אַ שטורעם, אַ בייזער, צעשטערט —
האָט אַלעס צעריסן — די זעגל די שטריק,
דאָס שיפעלע מיין איבערגעקערט,
פאַרזונקען אין אָפּגרונט און פאַרטרערט מיין בליק...

* די מוזיק צום ליד פון מרדכי ירדני געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

בענקשאַפט

עס בענקט זיך נאָך דעם זומער,
נאָך די פייגל און געזאַנגען,
פאַרגעסן ווערט דער קומער
פון ניט דערגרייכטע פאַרלאַנגען.

באַטראַכט האָב איך אַ בוים,
ווי מאַיעסטעטיש ער פלעגט שטאָלצירן
מיט זיין שיינער גרינער קרוין, —
זיין אַרום אַזוי שיין באַצירן!

איצט קוק איך מיט שטאַרע אויגן
אויף די בלעטערלאָזע צווייגן,
איז אַ פייגל דורכגעפלויגן —
נעמען מיינע אויגן מיט איר שטייגן...

די זאַנג

אַ זאַנג אויפן פעלד
האָט זיך צעוואָקסן העכער, שענער פון אַלע זאַנגען;
פון דער זון צעהעלט —
איז זי אין רייצנדיקן בלי אויפגעגאַנגען;
דעם קאָפּ געהויבן צו די הייכן —
דעם ווייטן הימל באַלד דערגרייכן.

האָט זיך צעטראָגן אַ שושקעריי
פון די זאַנגען דאָרט דערביי:
וואָס רייסט זי זיך צו דער הויך?
זי איז דאָך נאָר אַ זאַנג, און אויך
ווי מיר, וועט זי פאַרגיין מיט איר בליט,
ווען עס קומט די צייט פון שניט...
וואָס רייסט זי זיך צו ווערן דערזען און באַקאַנט?
אויך זי וועט ניט פאַרמיידן דעם שניטערס האַנט!

געהערט האָט די זאַנג די שושקעריי,
און שטיל געזאָגט:
אָ, ליבע זאַנגען, ס'איז ניט כדאי
פון אומזיסטער קנאה זיין געפּלאָגט!
דער גורל האָט באַשטימט: בין איך וואָס איך בין!
ציט מיך, רייסט מיך דאָרט אַהין —
צו יענע ווייטע הייכן, —
ביז דער שניטער קומט — עפּעס וואָס דערגרייכן...

געליבטסטע מיין

געליבטסטע מיין —
געליבטסטע מיין,
ווי שווער מיר איז
אָן דיר צו זיין...

איך קוק ווי ווייט נאָר
עס גרייכט מיין בליק —
און זוך דיך, מיין ליבסטע,
מיין פאַרלוירן גליק.

איצט, ווען צעבליט
זיך האָט די ערד,
און יעדעס גרעזעלע
זיך קוויקט מיט זונס שיין —
איז מיין לעבן צעשטערט,
געליבטסטע מיין...

ס׳זיינען פייגעלעך היינט
פאַרביי מיין פענצטער
אַוועקגעפלויגן —
דערשפירט, אַפּנים,
אַז מיין הויז איז קאַלט...
נאָר דו, מיין געליבטסטע,
שוועבסט פאַר מיינע אויגן;
אין מיין האַרצן טיף
איז דיין ליכטיק געשטאַלט...

איך זוך דיך, כאָטש כ׳ווייס,
כ׳קען דיך מער ניט געפינען;
נאָר איינגעקריצט בלייבסט
אין מיין געדאַנק און מיין זינען...

גע ליבטסטע מיין —
מיין לעבנס שיין!
ווי שווער איז מיר
אָן דיר צו זיין...

אונדזער קעמפ *

אין אונדזער קעמפ איז אַ מחיה,
ס׳איז יוגנט אומעטום פאַרשפּרייט;
מאַמע־ערד נעמט זיך באַנייען —
מיט סאַמעט גרינעם יום־טוב קלייד.

אין אונדזער קעמפ איז אַ מחיה,
ס׳איז אַ לעבן אויף דער פריי;
מען זינגט לידער אַלטע, נייע —
אַזאַ לעבן איז כדאַי...

אויף די ברייטע לאַנקעס זיצן
דאָרט חברים אין אַ ראָד,
און די אויגן גלאַנצן, בליצן,
ווען דער ווינט רוימט איין אַ סוד.

לעשט זיך זון אין טייכלס שפּיגל,
פון איר פייערדיקן גלי,
פייגל מיט צעשפּרייטע פליגל —
וויגן זיך אין הויכן פלי.

* די מוזיק צום ליד פון שמואל פּערשקאָ געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

אַ זומער אָן רעגן

אַ זומער אָן רעגן:
ס׳גליט דער זאַמד, דער שטויב אויף די וועגן,
און אַלץ איז פאַרוויאַנעט און טרוקן,
און מיינע אויגן אומעטיק קוקן...

ס׳גוססט בלום און בוים,
אַ בלייענער הימל אין רוים,
אַלץ וואָס איז שיין — אָן רעגן פאַרצערט,
ווי מיין בלום — פרי צעשטערט...

פאַראומערט כ׳גיי אויף די וועגן,
זוך און זוך וועמען פרעגן —
מען זאָל מיר דערקלערן דעם סוד —
פון נאַטור, וואָס אַזויפיל שיינקייטן האָט;

אין די שענסטע קאָלירן טוט זי זיך פאַרבן,
און נאָכדעם אַליין זיך פאַרדאַרבן,
און אַלץ טוט אין ערגעץ אַנטרונען ווערן,
ווי מיין צער, מיינע טרערן...

אויף באַרג, אין טאָל, אויף די וועגן,
איז אַלץ פאַרדאַרט, אָן רעגן...

אין אַ פריידיקער מינוט

איך גיי אויף דער גאַס אַ פאַרטראַכטע,
טוט עפּעס אַ בליאַסק פאַר מיין בליק,
און פּלוצעם איך ווער אַ דערוואַכטע, —
עס האָט מיר מיין מזל באַגליקט!

כ׳הויב אויף מיין געפינס פון די שטויבן,
איך גיב מיר צום אוצר אַ בויג,
באַהאַלט עס און הויב אָן צו גלויבן, —
אַז אָפּגענאַרט האָט מיר מיין אויג.

אַ הערצל אַ גאָלדנס געפונען,
(אָט דאָס האָב איך לאַנג שוין געוואָלט),
נאָר באַלד איז מיין פרייד מיר צערונען —
ניט אַלץ וואָס עס שיינט איז דאָך גאָלד...

אַזוי זיינען אויך אַלע פריידן,
דו ווערסט אויף אַ ווייל ווי באַרוישט,
ביז ס׳קומען מינוטן פון ליידן —
און בלייבסט פון די פריידן אַנטוישט...

די אומצופרידענע

(מאַמע־ערד רעדט צו איר קינד)

געשטאַרקט כ׳האָב אים ווי אַ דעמב,
ניט איינזאַם זאָל זיין דיין שפּאַן,
אַ יעדער קען אָט־אָ־דעם —
דיין שפּייזער, דעם איידלמאַן.

פון מיין פאַרמעגן כ׳האָב דיר געגעבן
געהילץ און ציגל און ליים,
נאָר דו האַלסט אין איין שטרעבן
צו גאָר אַ פיל גרעסערע היים.

באַשאָנקען דו ביסט מיט פרוכטן,
און בלומען באַצירן דיין הויף,
נאָר מיר האַלט זיך אין דוכטן,
אַז נישטיק קוקסטו אַלץ דערויף.

דיך צו וואַרעמען — דאָ איז אַ זון,
לבנה און ווינט דיך צו קילן,
צופרידן ביסטו אַלץ ניט דערפון,
צו שווער איז דיין ווילן צו שטילן...

דער נייער בוים

(געווידמעט מיינע פּלימעניקעס פּישעלע און מאיר־פּנחסל
צו זייערע בר־מצוות)

אַ גרעזעלע פון אונדזער פעלד,
פון אונדזער בוים אַ צווייג,
איז יינגעלע, פון זון צעהעלט,
אָט ערשט אַ קינד, אין שווייג.

און אומגעקוקט, און אומגעזען,
איז ער אַ בחור שוין,
אַ בר מצווה יונג וואָס טראָגט שוין אויך
פון ייד און יידישקייט די קרוין.

און טאַטע־מאַמע קוועלן אָן,
ס'איז גרויס די פרייד אין דעם באַגין —
צו זען דאָס לעבן וואָס קומט אָן
מיט נייעם גאַנג, מיט פרישן זין.

מקוים ווערט טאַטע־מאַמעס טרוים —
צו זען ווי ס'וואַקסט דער יונגער בוים,
מיט וואָרצלען — טיף און צווייגן — ברייט,
און פרייד אַרום איז פול צעשפּרייט.

בטחון און גלויבן

(אַ מתנה דעם דיכטער דוד קריוויצקי צו זיין געזונט ווערן)

איך קוק אין דיינע אויגן,
און זע אין דיין שוואַרצאַפּל —
אַ טרויער איינגעזויגן,
פון ליידן, פון יסורים פיל.
און ס׳גיט אָפּט דיין האַרץ אַ צאַפּל,
אַ זיפץ, אַ קרעכץ אין דער שטיל.

ווי דער נעכטן, אַזוי דער היינט —
עס האָט קוים פאַר דיר די זון געשיינט.
דאָך האָסטו דיין ליד געזונגען
אין גלויביק־מונטערדיקן קלאַנג:
געטרייסט, — אַז ס׳וועט די פּיין פון מענטש
ניט דויערן לאַנג.

כאָטש ס׳איז דיין קאָפּ אַ מידער,
מיט שניי־צוויט שוין באַשאָטן,
דאָך זינגט בטחון פון דיינע לידער,
דער גלויבן דיינער — ניט צעטראָטן.

צו דיין יום־טוב היינט —
מיט ליבשאַפט קומען פריינט אומדערוואַרטע,
און שאַצן הויך דיינע לידער, צאַרטע,
און פיל כבוד פאַר דיר שיינט.

ניט פרעג

ניט פרעג פאַרוואָס איך וואוין ניט אין פּאַלאַצן,
פאַרוואָס מיט טעפּיכער איז ניט באַדעקט מיין דיל.
ווען ס'האַרץ איז אָנגעווייטיקט ביז צום פּלאַצן, —
ווי קען מען צו פּאַלאַצן האָבן אַ געפיל ?

ווען ס'לעבן איז איין לאַנגער, גרויער טרויער,
איז צופיל אָט דאָס, וואָס איז פאַראַן.
אָ, פרעג מיך ניט פאַרוואָס ? און ניט באַדויער
דעם צער וואָס גייט מיט מיר אויף יעדן שפּאַן.

ניט פרעג און ניט זוך קיין ענטפער קריגן,
אַ קראַנקע נשמה רעדט פאַר זיך אַליין.
און ס'איז ניטאָ דער כוח דעם גרויסן צער באַזיגן, —
און ניטאָ קיין כוח מיט דעם צער אַרומצוגיין.

איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט
זען דאָס לאַנד ישראל,
וואו דאָס יידיש לעבן בליט —
ווי ס׳האָט געבליט אַמאָל.

איך וואָלט געוואָלט זען
אַ קינד פון אַ יידיש־שולע גיין
מיט אַ יידיש בוך אונטערן האַנט
אין דעם יידיש־לאַנד.

נאָר דאָס העכסטע פון פאַרלאַנגען,
און דאָס שענסטע פון געזאַנגען,
וואָלט איך געוואָלט: דעם שלום־קלאַנג דערהערן,
אַז אונדזער יידיש, אונדזער רו זאָל מען מער ניט שטערן.

אַ דאַנק

אַ דאַנק — וואָס די ערד האַלט מיך אויף איר פּלאַך,
אַ דאַנק — וואָס כ׳האָב איבערן קאָפּ אַ דאַך,
אַ דאַנק — פאַרוואָס איך זע די שיינע וועלט,
דעם בוים, די בלום, דעם טאָג אין זון צעהעלט.

איך דאַנק פאַרן ביסל גליק און פרייד —
אויב ניט פאַר מיר — איז פאַר אַנדערע געגרייט.
איך דאַנק פאַרן לעבן וואָס איז מיר באַשערט
און פאַר אַ פריינדלעך וואָרט וואָס איז אַזוי באַגערט.

און איצט, ווען כ׳האָב פאַר אַלץ שוין אָפּגעדאַנקט.
וואָס איז מיר געבליבן ? אַ האַרץ וואָס צאַנקט,
אַן אומרו וואָס רויבט מיין שלאָף נאַכט נאָך נאַכט.
אַ בענקען, וואָס האָט דאָס ליד צו מיר געבראַכט...

בלומען פאַר דיר

(אַ מתנה אליסי פריילין)

ווי ווייט פון דיר
ס'זאָלן ניט זיין די וועגן,
איז אָבער נאָענט
צו דיר מיין בליק,
איך קום צו דיר
מיט בלומען אַנטקעגן,
מיט וואונטשן פיל
פון אַ סך גליק.
כ'האָב די בלומען געקליבן
דורך די פילע יאָרן,
און פאַר דיר
געהאַלטן זיי צוגעגרייט ;
און איצט צום טאָג
פון דיין געבוירן,
אויף דיינע וועגן
זיי פאַרשפּרייט.

די דיכטערין

זי איז שטענדיק ליבלעך, צאַרט,
און איר האַלטונג איז באַשיידן,
ווי אַ בלום נאָך טוי זי גאַרט —
אויסצוהערן יענעם ריידן.

כאַפּט זי אויף אַ יעדן קלאַנג,
פאַרשטייט אויך יענעמס בליק,
שאַפט ווערטער מיט געדאַנק —
און פאַרזיסט זיי מיט מוזיק.

און דערזעט זי ווי ביי דיר
ווערן פייכט פון צער די אויגן —
וואָלט זי גערן מיט באַריר
דיין וויי אַריינגעזויגן.

מיט איר וויכן בליק,
אין דיין האַרצן דרינגען,
און פילסט עס ווי אַ גליק —
אין איר געזעלשאַפט צו פאַרברענגען.

צוריק אַהיים

עס קומען אָן שיפן
מיט זעלנער באַפרייטע,
פון קריג פון דעם וויסטן,
פון לענדער פון ווייטע.

עס ברענגען די שיפן
צוריק אונדז די קריגער,
פון שלאַכטן געוואונען, —
די העלדן, די זיגער.

טייל זיינען געקומען
אָן אברים פאַרלוירן,
אין קאַמף פאַר אַ שענערער
וועלט — ניי געבוירן.

זיי קומען צוריק צו
דער ערד וואו זיי זיינען
געבוירן, וואו ס'וועט זיי
די זון ווידער שיינען.

איך וויל

איך וויל זיין ווי די זון מיט אירע חנען,
אין דיין טונקעלער שטוב וואַרפן בליקן;
מיט ליכטיקייט דיך באַשיינען,
מיט עכטער פרייד דיך דערקוויקן.

איך וויל זיין ווי די לבנה,
אין פינצטערע נעכט דיר ברענגען ליכט;
היילן וויל איך דיין נשמה —
אויפשטראַלן זאָל דיין געזיכט.

איך וויל אין הימל זיין צווישן שטערן,
מיט זייער שיינקייט — שימערירן;
און פון טראָפּנס טרערן זאָלן ווערן,
פּערל פאַר דיין האַלדז צו באַצירן.

און פון הימל — מיט אַ פלי, אַ שפּרונג,
צו דיר אַליין נאָר קומען;
גרינגער ווי אַ שמעטערלינג,
אין מיינע הענט פאַר דיר — בלומען...

און אין אויער דיר אַריינסודען:
— איך וויל, איך וויל,
געליבטסטע מיין,
נאָר מיט דיר צוזאַמען זיין׳

די שבת־ליכט

(אַמאָל אין דער אַלטער היים)

פרייטיק־צו־נאַכט.
פרי האָט די מאַמע דעם שבת געמאַכט.
און שבת־ליכט צוויי
באַלויכטן דאָס הויז האָבן זיי.
דער טאַטע קומט פון שול
און מיט אַ קול אַ ווייכן
מיט האַרציקייט פול —
זאָגט ער „שלום עליכם"
איבער ראָזשינקעס־ווײַן
האָט ער קידוש געמאַכט,
ס'איז אַלץ גוט און פײַן.
נאָר פלוצעם האָט ער זיך פאַרטראַכט
און אומגעריכט גיט ער אַ פרעג:
— די זילבערנע לײַכטער! אוי, ווײ!
אונדזער אײנציק פאַרמעג,
וואו זײַנען זײ?
פאַרוואָס שטעקן די ליכט
אין בולבעס גאָר צוויי?

— ניט שרעק זיך, מײַן מאַן,
זאָגט די מאַמע,
— דו ווײסט דאָך מסתמא,
נאָך שטײַער איז אַהער

דער טאַקסער געקומען,
און די לייכטער האָט ער
פון אונדז צוגענומען.
נאָר אַ גאָט איז פאַראַן,
איז נאָר נישט געזאָרגט,
מיר וועלן אָפּגעבן אַלץ
וואָס מיר האָבן געבאָרגט.
ס'איז שבת דאָך ליב,
ניט זיי ביי זיך שפּל,
ס'איז ליכטיק אין שטוב, —
אויך פון ליכט אין קאַרטאָפל!

יידן שרייבן לידער

יידן שרייבן לידער,
אין פרייד און אין צער,
יידן שרייבן לידער —
אין צייט פון געפאַר.

זיי ווילן דורך די לידער,
דערציילן וואָס זיי פילן,
דורך זייערע געזאַנגען —
אַנטוישונגען צו שטילן.

יידן שרייבן לידער,
און זוכן אין זיי נחמה,
צו מוטיקן דעם גייסט —
און שטאַרקן די נשמה.

זיי ווילן אַז פון די לידער,
געזאַנג זאָל ווייט זיך ציען;
און אויף די פעלדער זאָלן —
ווידער בלומען בליען!

אין דער שטיל

(צום צענטן יאָרצייט פון מיין טאָכטער פערל)

די פענצטער אויפגעפראַלטע, אָפן,
מיסטעריע־שאָטנס דרימלען אויפן דיל,
אַ מאַמע רופט איר קינד, ווי ס'וואָלט אַנטלאָפן, —
איר טרויער־רוף, אַ בייזער ווינט פאַרשילט...

עס זיינען שוין אַוועק צען שווערע יאָרן —
אין האַרץ די וואונד — ווערט ניט פאַרהילט,
איר פערל אייביק לעבט אין איר זכרון —
זינט גאָט האָט זי פון איר אָפּגעשיידט...

חלומות זיסע די מאַמע האָט געהאַט,
אַוועק זיי זיינען מיטן ווייטן ווינט;
איז זי געגליכן צום בוים אָן בלאַט, —
וויי, ווי איז איר און ווינד!

זי האָט די פענצטער צוגעמאַכט,
די שאָטנס דרימלען אויפן דיל,
זי שעפּטשעט טרויעריק, פאַרשמאַכט:
פערל... פערל... — נאָר אַלץ ווי פריער איז שטיל.

דאָס מיידל פון דרום *

די דרום־זון האָט אָפּגעפּאַרבט אויף בראָנז איר הויט,
די אויגן אירע — קוילן צוויי, פייערדיקע צעגליט,
די ליפּן ווי דער ווייַן — לאָקנדיק און רויט,
און ווי דער רויטער ווייַן — קילט און בריט.

איר טראָט אַ טאַנצנדיקער, ריטמישער געבויג,
די רונדע היפּטן ווערן פון יעדן טראָט צעוויגט,
אַ סוד גלאַנצט פינקלענדיק פון איר בלויען אויג, —
דערציילט וואָס אין איר שטורעמדיקן האַרצן ליגט...

דאָס לעבן אין איר ברויזט ווי דער דרום־ווינט,
דערוואַרטונגען און אומרו האַלטן איר געשמידט,
דאָס יונגע בלוט אין איר מאָנט און צינדט, —
און זי איז גרייט צו גיין וואוהין דאָס לעבן ציט.

און יעדן מאָרגן־פרי גייט זי צו דעם טייך
מיט וועש אַ קאָרב, פאַרדינען אויף איר ברויט,
און ווען זי גייט צוריק, גייט זי שטאָלץ און גלייך, —
און שפּיגלט זיך אין זון מיט איר בראָנזן־הויט.

די זון האָט אָפּגעפאַרבט אויף בראָנז איר ווייסע הויט,
דער ווינט האָט שאַרף געמאַכט איר קלאָרן בליק,
גייט זי מיט געזאַנג פאַרדינען אויף איר ברויט, —
פריידיק קלינגט איר קול ווען זי גייט צוריק.

* די מוזיק צום ליד פון הענעך קאָן געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

דער קראַנקער דיכטער *

(געווידמעט דניאל טשאַרני)

בלויער הימל אויבן,
אונטן — ערד און גרין;
ריזן בערג זיך הויבן
זינט דער וועלטס באַגין.

צווישן ערד און הימל
שטייט זיך אַ געצעלט;
רואיק ווי אין דרימל
רוט אַ קראַנקע וועלט.

טיר און פענצטער — אָפן,
נאָר עס האַלט זיי צו
פרייער קלעם און האָפן —
זיין ווען אַנדערשוואו.

צווישן זיי — דאָרט איינער,
חלומט אויף זיין בעט
פון אַ ליד אַ שיינער, —
טרוים פון אַ פּאָעט.

דאָרטן, אין זיין „היכל",
וועבט ער אויס זיין ליד;
ווייטיקט מיט אַ שמייכל —
פון זיין שווער געמיט.

שטייט זיך אָפּגעזונדערט
אַ געצעלט וואו אין פעלד, —
פון געצעלט, פאַרוואונדערט,
קוקט ער צו דער וועלט.

* נאָך אַ באַזוך ביים דיכטער אין ליבערטי סאַנאַטאָריום.

זאָגט דער סאָלדאַט

אָן מורא, אָן שרעק,
איך גיי איצט אַוועק
צו קעמפן אין קריג —
פאַר מענטשלעכן גליק!
פאַר מענטשלעכער רעכט
צו ווערן אויס קנעכט!
פון ליידן און טרערן —
אַ סוף זאָל שוין ווערן!!!

אויף וואַקאַציע

אַ שטימע צו מיר רופט:
זיי פריי ווי זיי אַצינד —
די פייגל אין דער לופט,
און ווי אין פעלד דער ווינט!

אין אָוונט, אינדערפרי —
ווען אַלץ אַרום דיר זינגט;
פלאַמט אויף דער יוגנט־גלי, —
און פרייד אין האַרצן דרינגט!

אויף לאָנקעס גרין און ברייט
שפּאַצירט זיך זיס פאַרבייינקט,
דער הימל בלוי צעשפּרייט, —
ווי אַ פּרוכת הענגט!

און עפּעס אין מיר מאָנט,
און עפּעס אין מיר רעגט,
דער ווייטער האָריזאָנט —
האָט עפּעס אויפגעוועקט!

אַ חלום פון אַמאָל,
אַ טרוים וואָס איז אַוועק,
איך הער מיין יוגנטס קול —
אין שטילע אָפּרו־טעג...

קנאה־בליקן

דעם זינגענדיקן פויגל בין איך מקנא
און בליק אים נאָך אין די בלויע הייכן,
פון מיין לעבן כ׳וואָלט געהאַט הנאה,
ווי ער צו זינגען, — כ׳זאָל דערגרייכן...

און אויף די פליגל פון געזאַנג — כ׳וואָלט
פליען איבער דעכער, בערג און טייכן
צו די וואָס איך האָב האָלט —
אין רגעות דורך די ווייטן גרייכן...

אַז מיין בענקשאַפט זאָל פאַרגיין,
דאָס געמיט מיר ווערן גרינגער
און מיר מקנא וואָלט מען זיין —
אַז כ׳זאָל ווערן, ווי דער פויגל, — אַ זינגער...

ביים פרישן קבר פון אברהם רייזען

אויפן האָריזאָנט איז פוסט:
יידן זײַנען אײַנגעהילט אין טרויער —
נאָך דעם גרויסן פאַרלוסט —
פון מייסטער, שאַפער און בויער.

פון דעם זייגערס קלאַנג אויפן וואַנט —
געהערט האָט מען די שעה שוין שלאָגן;
— שטיל איז איצט דעם מייסטערס האַנט —
צעטראָגן זיך טענער פון גמרא־ניגונס קלאָגן.

„מאי קאָ משמע לן דער רעגן אויף די שויבן,
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערן?" —
אין גאָרטן וועלקן איצט די טרויבן,
בעכערס איבערפולט מיט טרערן...

אַזוי קלאָגט „דער קלויזניק ביי דער גמרא"
און דאָס פאָלק ביים קבר שטייט געבויגן,
מיט אַ תפילה, און טרערן פליסן פון די אויגן:
— אוי, גאָט! באַניי אונדזער גבורה...

מוטיק און שטאַרק אונדזערע גלידער!
זאָל זיך אויף ס'ניי צעוואַקסן און צעבליען
די שפע פון גרויסן דיכטערס לידער —
און פון דור צו דור זאָל זיין טאָן זיך ציען.

דער אָנזאָג

אין יעדן ווענד, אין יעדן קער, —
אָן אָפּזאָג איך דערהער
אין שטורעם־שטויב,
אין פּליסיק קוואַל,
אין דעם דערהויב, —
פון שרעק באַפאַל.

אין בליץ וואָס שניידט —
די שוואַרצע וויט,
אין גרויען שוים,
פון ים ביים ברעג,
אין רויש פון בוים —
אין זומער טעג.

איך הער דעם קלאַנג —
פון אַלץ אַרום,
פון ניי־געזאַנג,
פון אומעטום.

דער ווינט דערציילט,
פון גליק און פרייד,
כאָטש נאָך פאַרהוילט —
פאַר אונדז ז׳די צייט.

אין האַרבסט

דער הימל מיט כמאַרעס פאַרצויגן,
די טעג ווערן קליינע און טריבע,
עס זיינען די פייגל צעפלויגן, —
מיט זיי אויך מיין טייערע, ליבע.

דיביימער זיי זיינען געבליבן
אבלים און שטייען דערשלאָגן,
די בלעטער און צווייגן זיי ליגן
צעוואָרפן — פון ווינטן פאַרטראָגן.

די בייטן וואו ס'האָבן די בלומען
געזעטיקט מיט שיינקייט די אויגן,
זיי ליגן אין טרויער אין שטומען, —
מיט האַרבסט איבער זיי איבערצויגן.

און איבער אַלץ בענקענדיק הויערט,
דער אָנדענק פון זומער פון ליבן,
און זאָגט מיר: ניט לאַנג דאָך עס דויערט
דער האַרבסט מיט דעם ווינטער דעם טריבן...

צו אַ נאָנטן

(געווידמעט מיין לעבנס־באַגלייטער ישראל)

צו דיין ליד אויף די ליפּן,
אַ האַלב יאָרהונדערט לאַנג —
אַלץ אָן איבערהיפּן
נאָך זוכסטו דעם קלאַנג.

דיין יוגנט מיט לערנען פאַרבראַכט,
אויף אַ באַנק אַ האַרטע —
איצט פילסטו ווי עס שמאַכט
דיין נשמה די צאַרטע —

פון שקלאַפן וואָס מער
צווישן פאַרשטיקטע ווענט,
און פון אַרבעטן שווער
ציטערן דיינע הענט.

האָסט זיך מיט טרייסט געשפּייזט
אַז ס׳וועט נישט דויערן לאַנג,
איצט מיט האָר „פאַרגרייזט"
איז דיין איינציקער פאַרלאַנג —

אַז דעם טרוים פון דיין לעבן
וואָס באַזעלט דיך אַצינדער
זאָלסט איבערגעבן
מיט ליד צו דיינע קינדער.

ווינטש איך: דעם ציל דעם הויכן
וואָס דו האָסט זיך געשטעלט
זאָלסטו מיט אונדז דערגרייכן
פאַר אַ שענערער וועלט.

עס קומט אַמאָל

עס האָט אַמאָל זעלטן ווען פּאַסירט,
אַ נאַכט זאָל זיין אַזוי צעהעלט;
די העלקייט האָט מער און מער וויברירט
מיט בענקשאַפט נאָך דער וואָס האָט געפעלט,

קינדער און דערוואַקסענע האָבן לידער מיינע געזונגען,
אויף מיין יום־טובדיקער שעה;
אַ זיסע פרייד האָט אין מיין האַרץ אַריינגעדרונגען —
אַ פרייד וואָס איז פון לאַנג, לאַנג ביי מיר ניטאָ...

דער יום־טוב האָט געבלענדט ביי יום־טובדיקע טישן.
גערעגט האָט זיך דאָס האַרץ פון ווייטיק ניט איינגעשטילט.
דאָס האַרץ וואָס איז פאַרקלעמט פון בענקען און צעריסן
איז אויף אַ וויל אין יום־טוב געוואָרן איינגעהילט.

פאַרזאַמלט האָבן זיך די פריינט מיינע, די גוטע;
מיט גוטן וואונטש און וואָרט;
אין שעהען באַטריבטע און באַרוטע
האָט זיך בענקשאַפט מיט טרייסט געפּאָרט.

מיינע פריינט האָבן בוקעטן בלומען צוגעטראָגן
מיט שיינעם וואָרט דעם יום־טוב מיינס באַזעלט;
נאָר שיינע גוטע ווערטער קענען ניט פאַריאָגן
די בענקשאַפט נאָך דער, וואָס האָט געפעלט...

פֿאַרכּישופֿט האָב איך געזען מײַנע פֿרײַנט דאָרט זיצן,
ווי אין אַ טראַנס האָב איך געהערט די גוטע רייד, —
וואָס וועלן אייביק זיך אין האַרצן קריצן,
און לויכטן ווען די נאַכט אירע פֿליגל צעשפּרייט.

יוגנט און עלטער האָבן זיך פֿאַראייניקט,
פֿרייד און טרייסט מיר געבראַכט;
איז מײַן דאַנק צו זיי צו ווייניק,
פֿאַר באַלויכטן מיר מײַן פֿינצטערע נאַכט...

טייכן זיינען פול

מען אַקערט און מען זייט,
רייכטום זיך מען שאַפט,
מענטש הונגער ער ליידט
און איז נאָך פאַרשקלאַפט.

רייכע סאַלאָנען זיינען פול
און מענטשן לעבן אין ווייטיק,
און נאָך אַ לערן־שול
זיינען קינדער אין דוחק.

טייכן זיינען פול,
און מענטשן זיינען דאָרשטיק,
רייניקער זיינען דאָ
און גאַסן זיינען קויטיק.

מען בויט און מען שאַפט
געצעלט נאָך געצעלט,
און נאָך ניט אָפּגעשאַפט
די איבלען פון דער וועלט.

א. לוצקי

(צו די שלושים)

ווי אין פעלד „זיין שטיין" —
דער „גרויסער פילאָסאָף",
איז ער געווען אַליין,
אין מיטן וועלט — אַ „איין".
צווישן אַלעמען — אַליין.
און אַלעמאָל מיט אַלעמען דער „איין"
מיט זיין חנעוודיקן „זאָגל"
צו פאַרפריילעכן דעם וואָגל
אין דער וועלט פון „אַלטערטומען",
אין דער וועלט פון אייביק שטומען.
מיט זיין וואָרט־שפיל און זיין קלאַנג,
מיט זיין בליציקן געדאַנק,
מיט זיין קומען און זיין גיין,
מיט זיין שטעל — אַליין.

ווי די וואַסערן זיינע יאָגן,
לויפן רוישנדיק דעריאָגן
יענע ווייטע, ווייטע ווייטן
וואו פאַרטראָגן
ס'האָבן זיך די טעג און יאָרן
צו „די ראַנדן פון דער וועלט".
לויפן וואַסערן מיט „ליכטיקן געלעכטער"
אַ שפּריץ און אַ כאַפּ און אַ טאַנץ און אַ זאָג,
און אַ פאַל און אַ יאָג
און אַ שפּרונג אין פאָרויס —
און אַ זיד און אַ זינג און — ס'איז אויס !...

„מענטשן — אויסגעפּוצטע האַרבסטן“,
„יאָנטעוודיקע אונטערגאַנגען“.
און קיינער וויל ניט אונטערגיין.
אַ פּאַפּיר וואָס וויל שטאַרבן,
האָטביים אָנגעזיכט פון טויט
זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן...
האָט ער געיאָנטעוועט צווישן די „ליכטיקע עלנטן“,
פאַרלאַכט דעם בערגל הינטער וועלן
„יעדערער וועט ליגן“...
מיט דעם געזאַנג אין אים
וואָס האָט געברויזט אין אים.

שוואַרצע נעכט און בלויע נעכט,
ווייסע טעג און גרויע טעג —
האָט ער געקליבן און פאַרשריבן
אין „די אַרכיוון פון דער וועלט“.
„פרישע טעג און פרישע נעכט“
וועלן אויפמישן אַ בלאַט נאָך בלאַט
און דערמאָנען:
דעם אַרויף־קול פון די תהומען
און דעם אָפּרוף פון די הויכן.
אָן דעם געברויז פון געזאַנג אין אים,
און די פרייד פון לעבן... לעבן... לעבן.

דער מייסטער

ווערטער, קלאַנגען אַלע סאָרטן,
דאַכט זיך אָן צוזאַמענהאַנג,
שטיקלעך, ברעקלעך אָנגעוואָרפן —
וואַרטן אויף זיין מייסטערהאַנט.

זעט ער ס׳איז פאַר אים אַן ענין,
נעמט ער שפּינען זיי און וועבן,
ביז ס׳ווערט אויסגעבויט אַ בנין,
וואָס האָט זין אין זיך און לעבן.

די אַנטוישטע

(געווידמעט מיין שוועסטער דינה)

אַ מיידל איז אַ יונגע נאָך
אַהער אין לאַנד דעם פרייען
געקומען פול מיט האָפענונג
איר לעבן צו באַנייען.

נאָר איידער זי האָט צייט געהאַט
אין לאַנד זיך אויסצוגרינען,
שוין האָט מען זי אין שאַפּ געפירט —
איר לעבן צו פאַרדינען.

געהאָפט האָט זי אַז זי וועט דאָ
איר יוגנט ניט פאַרלירן,
אַ שיינער בחור קומען וועט —
און איר צו חופה פירן.

די יאָרן זיינען זיך דערווייל
איינס נאָך איינס געלאָפן,
אַוועק מיט זיי די יוגנט איז —
פאַרשוואונדן איז איר האָפן...

צו אַ קינד

(אין די גראַדואיר־טעג)

קינד, ניט לויף אַזוי געשווינדט,
איך וויל דיר עפּעס זאָגן,
די וועלט איז ווי אַ ווירבלווינט, —
ס'איז שווער איר נאָכצויאָגן.

די וועלט האָט ערגעץ וואו נאָך גליק,
נאָר שווער עס צו געפינען,
ווייל קיינער ווייסט ניט וואו עס ליגט, —
און וואָס עס ליגט דערינען.

ס'דוכט איינעם אויס אַז גליק איז דאָרט,
וואו גאָלד און זילבער פליסן —
אַ צווייטער מיינט אַז גליק האָט דער,
וואָס האָט אַ ריין געוויסן.

די וועלט איז ווי אַ ווירבלווינט,
— וואָס יאָגט דעם מענטש און טרייבט אים
אַלע זוכן ערגעץ גליק, מיין קינד,
און קיין זאַך — קיין זאַך בלייבט אים...

ווי אין יעקבס חלום

דער עראָפּלאַן שטייט גרייט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל
און ווי אַ מאָנסטער־פויגל וואַרט ער אויף זיין צייט;
און אָט בין איך שוין אונטער זיין שלאָס און ריגל,
און ס'נעמט דער עראָפּלאַן מיך טראָגן הויך און ווייט.

דאָס האַרץ נעמט ציטערן, הייבט אָן צו קלאַפּן שנעלער,
איך קוק אויף מיין באַגלייטער און באַהאַלט מיין שרעק;
דער רוים אַרום נעמט ווערן גרעסער, ברייטער, העלער,
און דער עראָפּלאַן טראָגט גיכער מיך אין ווייט אַוועק.

פאַרגאַפט קוק איך אַרויס דורכן פענצטערל אַרום מיר;
דער ים איז אומגעהויער, דער רוים — אומענדלעך גרויס;
און מיין באַגלייטער זיצט אַ בלאַסער און אַ שטומער,
ס'איז מוראדיק דער וואונדער, אַזש ווערטער פעלן אויס.

איך מאַך צו אויף אַ וויילע די אויגן אין אַ דרימל,
און ווי אין יעקבס חלום דערזע איך זיך: איך גיי,
ווי די מלאכים, אויפן לייטער צו דעם הימל,
אַלץ העכער, העכער, אָט בין איך שוין מיט זיי.

איך כאַפּ זיך אויף און זע: ס'איז ניט קיין חלום,
דער עראָפּלאַן איז באַלד אין הימל שוין אַריין;
און ס'ווילט זיך אויסציען די האַנט און געבן שלום
דעם וואָלקנדל וואָס שווימט לעבן מיר אין ווייסן שיין.

דער עראָפּלאַן נעמט לאָזן זיך אַלץ נידעריקער אַרונטער,
די ערד ווערט נענטער און דער הימל — ווייט;
עס זעט זיך שוין דאָס לופט־פעלד און אָט קומט ער,
צו זיין באַשטימטן אָרט, דער וואונדער־פלי פון אונדזער
צייט.

אין מיין גאָרטן

איך בין היינט אין מיין גאָרטן געקומען
און זוכן דיר דאָרטן גענומען,
דער גאָרטן, דיביימלעך צעבליט,
נאָר דיר געזען דאָרט האָב איך ניט.

איך האָב דיר געזוכט צווישן די בלומען,
די קוסטעס — וואו ביסטו אַהינגעקומען?

דו ביסט דאָך ניט לאַנג צוריק דאָרט געווען,
מיט קינדער זיך שפּילן האָב איך דיר געזען,
אַליין אַזאַ שטיפעריש פריילעך קינד, —
וואו באַהאַלטסטו זיך אויס פון מיר, זאָג, אַצינד?...

וואו ביסטו?

פאַרקריצט אין מיין זכרון
זיינען דיינע שיינע פאַרבן,
ניט אָפּגעווישט זיי האָבן יאָרן, —
דיין זיסן שמייכל ווער קען אַרבן?

דיין קאָפּ מיט די גאָלדענע האָר,
ניט זונענשטראַלן אַ פּאָר,
נאָר ערגעץ האָסטו זיך באַהאַלטן,
און מיר געלאָזן אַ ווינט אַ קאַלטן.

אַוועק און — ניטאָ מער,
און ס׳האַרץ פאַרקלעמט זיך אַזוי שווער,
וואו ביסטו ערגעץ, וואו?
עס זאָל ניט זיין באַשערט
אַזאַ פּערל ווי דו
באַצירן אונדזער ערד...

צו אַ חבר

וואָרקען בײַ מײַן פענצטער טויבן,
פֿייגל זינגען דאָרט אַ שיר,
ווערט מײַן האַרץ און גייסט דערהויבן
לעבן זיי און לעבן דיר.

צערטלעך איז דײַן וואָרט געפֿורעמט,
און געדולדיק הערסט מיך אויס,
ווען איך רייד צו דיר צעשטורעמט,
און אַ טרער רײַסט זיך אַרויס.

ס׳איז דאָס האַרץ פֿון האָפֿן, גאַרן,
שוין געוואָרן אַזוי מיד,
און ווען לעבן האַלט אין נאַרן —
מאַכסטו גרינגער מײַן געמיט.

מענטשן פֿרעמדע ווערן אייניק,
ווען ס׳פֿאַרבינדט זיי האַרץ און גייסט,
איז דאָס וואָרט „אַ דאַנק" צו ווייניק,
ווען אַ פֿרײַנט זײַן פֿרײַנטשאַפֿט ווײַזט.

אין האַרבסטיקן געמיט

עס האָבן אויףביימער צוזאַמען
בלעטלעך געבליט און געלעבט,
און ס׳האָבן פון דער פּאַנאָראַמע
שיינע פאַנטאַזיעס זיך געוועבט.

ביז האַרבסט איז געקומען און ווינטן
די בלעטלעך צעוואָרפן, פאַרוויאַנעט;
עס קען זיי די זון ניט בינדן, —
נאָר ווערן פון שטורעמס באַגלייט.

די שטראַלן פון זון ווי פלאַמען,
וואָס האָבן געשטראָמט אין דעם רוים;
זיי בריען שוין מער נישט צוזאַמען,
די צווייגן און בלעטלעך פון בוים.

די שיינקייט פון זומער פאַרגאַנגען
די גרינע קאָלירן איצט געל;
דער האַרבסט האָט דעם זומער געפאַנגען, —
און אַוועק איז פרייד אַזוי שנעל.

און אין וואַלד אין אַ זייט, אין אַ דרימל,
אַ ביימל שטייט צעבראָכן, אַליין;
פאַרבענקט נאָך איר איינציק בלימל, —
געווען אַזוי צאַרט, אַזוי שיין.

איצט זיינען צעוואָרפן די בלעטלעך,
בלימלעך בליען וועלן ניט מער;
אויף די צעבראָכענע ריטלעך, —
קייקלט זיך אַ טוי-טראָפּן ווי אַ טרער...

אויף אַ לאָנקע

אויף אַ לאָנקע איך שפּאַציר,
באַוואונדער נאַטורס פּאַנאָראַמע,
„כ׳בין מיט דיר, כ׳בין מיט דיר״ —
כ׳הער די שטימע פון אַ מאַמע.

די לבנה אַ בלאַסע,
איר שמייכל מיר שיקט,
אַ בלום פון טוי אַ נאַסע, —
מיין אויג זי דערקוויקט.

פייגל טרעלן, שטיפן,
אין די הויכן שוועבן,
פרישע קוואַלן רופן:
טרינקט געזונט, צום לעבן!

ביימער שטיל זיך נויגן,
זאָגן מיר „גוט מאָרגן!״
זון — מיר לייכט אַנטקעגן:
„פאַרגעס אין דיינע זאָרגן!״

לייג איך מיין מידן גוף
אויף שויס פון מאַמעס ערד,
צאַרט מיך גלעט דער ווינט
ווי אַ מאַמע וואָס הערט
דעם בעטנדיקן רוף
פון איר קראַנקן קינד...

די טרויעריקע מאַמע

דו פרעגסט פאַרוואונדערט, פאַרוואָס,
איז יענע פרוי פאַרזאָרגט אַזוי,
מיט אויגן טריב און מאַט,
די צאַרטע פרוי, די בענקענדע, —
האָט קיינמאָל ניט, נאָך קיינמאָל ניט
גענאָסן פרייד צו זאַט?

אַז ווי אַ צווייג פון בוים אַראָפּ,
אויף דער גאַס דער שטיינערנער,
געשליידערט פון אַ שטורמווינט
מיט צאָרן און מיט האַס,
אַזוי האָט איר דאָס לעבן אירס
אויף דער וועלט דער שטיינערנער,
געוואָרפן און געשליידערט —
מיט דערבאַרעמלאָזן כעס.

זי האָט געהאַט אַ טעכטערל,
איר איין־און־איינציק טעכטערל,
אַ טרוים אין וואָר אַ פריילעכער,
געפּערלט און געקוועלט,
אוי, וויי, דאָס שיינע מיידעלע,
די צויבערדיקע, איידעלע, —
ניטאָ שוין מער דאָס מיידעלע,
ניטאָ שוין אויף דער וועלט!

קוקט די מאַמע אומעטיק,
אַזוי טריב און טרויעריק,
אין קאַלטן האַרבסט אַ בלאַט,
די צאַרטע פרוי די בענקענדע,
האָט קיינמאָל ניט, נאָך קיינמאָל ניט
גענאָסן פרייד צו זאַט.

זינג מיט מיר

און ווערסטו פון דעם לעבן מיד —
נעם אויף די שטילע קלאַנגען,
וואָס קומען פון אַ ליריש ליד
און האַלטן ווי געפאַנגען.

צי פייגל זינגען דאָס אין פעלד,
צי ס'איז דער רויש פון קוואַלן —
מיט דעם געזאַנג ווערט פול די וועלט
און ליכט ווי זונענשטראַלן.

פאַרגעס דיין זאָרג אין קלאַנג פון ליד,
ס'ווערט גרינג דעם קלעם צו טראָגן.
אַ נייער פלאַם אין האַרצן גליט,
אַ מאָרגן הייבט אָן טאָגן.

אָ, זינג מיט מיר — און זאָל דער קלאַנג
אונדז טראָגן ווייט פון דאַנען
אַהין, וואו לאַכן און געזאַנג
איז פאַר אַלעמען פאַראַנען.

אן אָנדענק

איך קלייב צונויף בלומען
און כ'שיק זיי אַצינד,
אויף רוקנס פון וואָלקנס, —
געטריבן פון ווינט.

אַריבער די פעלדער,
אַריבער דעם ים,
צו שוועסטער און ברידער, —
פון אייגענעם שטאַם.

וואָס זיינען געפאַלן
דורך בלוטיקע הענט —
וואָס האָבן זיי גרויזאַם,
געפּייניקט, געברענט.

שיק איך זיי בלומען,
וואָס זאָלן מיט גלאַנץ
די קברים באַצירן, —
אויף יעדן אַ קראַנץ.

מיט די טראָפּנס פון רעגן
איך שיק אויך, מיט וויי
מיינע טרערן וואָס רינען
אין טרויער נאָך זיי...

ניט פאַרצווייפל

אויב שווער איז דיין לעבן,
קענסט בעסער ניט מאַכן —
איז נאָר ניט זיין טרויעריק,
נאָר לאַכן און לאַכן!

און כאָטש ס'איז דיין לעבן
אָפט האַרט ווי אַ בלאָטער —
ניט טראַכט אַן אַנטוישטער:
„ווי ווערט מען שוין פטור?"

נאָר פויק אין די פויקן,
און קלאַפ אין די טאַצן,
ביז גיכער און גיכער —
דער בלאָטער וועט פלאַצן...

אַ געבעט

איך בעט ביי דיר גאָט,
פון וועלטן דער האַר,
פאַרנעם דאָס געבעט —
פון אַ מענטשן אין צער.

ווי לאַנג עס איז מיר נאָך
צו לעבן באַשערט,
זאָלן מיינע אברים
נישט ווערן פאַרצערט.

דו האָסט דאָך אין מענטשן
אַ טבע באַשאַפן,
צו וועלן מען זאָל זיי
הנאה פאַרשאַפן.

און פאַלט זייער בליק
אויף טרויער און טרערן —
זיי וויכן צוריק
און אַנטרונען זיי ווערן.

בעט איך, דו זאָלסט מיר
דעם חסד באַווייזן,
אַז ס׳זאָל אויף מיין פנים
מיין צער זיך נישט ווייזן...

דער דיכטער

שאַרף און וואַך איז זיין געהער —
אין יעדן ווענד, אין יעדן קער:
אין מורמל־קוואַל,
אין שרעק־באַפאַל,
אין בליץ וואָס שניידט —
די וייטסטע וייט,
ימס גרויען שוים,
אין רויש פון בוים;
אין ווינט וואָס דערציילט,
פון זוים וואָס ערד פאַרהוילט:
פון אַלץ אַרום,
פון אומעטום,
דערהערט דער דיכטער קלאַנג —
פאַר ניי געזאַנג...

שבת־שירה

קומט דער שבת, שבת־שירה
האָב איך ברעקלעך ברויט גרייט —
אויפן פענצטער פון מיין דירה,
פאַר אַ פייגעלע פון ווייט.

און מיט נייגער כ׳וואַרט און וואַרט
זי זאָל קומען פונעם ווייטן פלי.
נאָר אומזיסט האָב איך געגאַרט, —
אומזיסט מיין האָפענונג און מי.

מיט אויגן שטאַר איך קוק צום ווייט
און פאַרטרערט עס ווערט מיין בליק.
מיין פייגעלע פון ווייטן ווייט —
קומען וועט ניט מער צוריק...

דאָס 12טע יאָר

(אין אַנדענק פּערעלען)

איך צינד דאָס צוועלפטע ליכטל אָן;
ווי אַ שטערן פינקלט אויף דאָס פלעמל
און ס׳ציטערט אויף מיין האַנט, ווען כ׳ריר עס אָן, —
אין יעדן ווינקל זוכן מיין פּערל...

ס׳איז שטיל און טרויעריק אין הויז,
דאָס פלעמל הויבט זיך, נידערט, —
עס דאַכט מיר אַ געשפּענסטער רויש,
סודותדיק שפּרייט זיך דאָ אַנידער...

איך היט כסדר ס׳יאָרצייט־ליכט,
אַז קיינער זאָל איר שיין ניט שטערן;
און דאַכט מיר אַז ס׳באַווייזט זיך איר געזיכט —
איך וואַש די הענט אין מיינע טרערן...

פייגל פליען פון דער קעלט אַוועק,
זוכן זיך אַ נעסט, קינדערלעך אויסוואַרעמען,
און איך זוך דורך נעכט און טעג:
די קינדערשע־הענטעלעך, מיך אומאַרעמען...

די קינדערשע־הענטעלעך, אוי, ווי ליב און צאַרט!
נאָר פאַר מיר איז אַלץ פאַרלאָרן,
אומזיסט איך זוך זיי, אומזיסט איך וואַרט, —
שוין צוועלף לאַנגע יאָרצייט־יאָרן...

האָפענונג

דער שטורעם דער בייזער,
דער גרויסער שלאַקס־רעגן,
צעשטערט יידנס היימען
און זייער פאַרמעגן.

דאָך טאָר מען קיין האָפענונג,
קיין מוט ניט פאַרלירן;
ווער ס׳האַלט איצט דעם רודער —
וועט אייביק ניט פירן...

פאַרביי וועט דער שטורעם,
די זון וועט נאָך שיינען,
דאַן וועלן די שונאים
אַליין זיך באַוויינען...

וואויל איז דעם פּאָעט

(ב. י. ביאַלאָסטאָצקין צו זיין זיבעציקסטן געבוירן־טאָג)

וואויל איז דעם פּאָעט אין דיכטערגאַנג
מיט פרישער, שעפּערישער מי;
פון זיין ליד דאָס געזאַנג
און זיין וואָרט — איז יידישער־גלי.

בויט זיך אַ יידיש־בנין וואו,
בלייבט ער ניט אין דיכטער־טורעם הינטער ריגל,
נאָר נעמט אויף דעם רוף פון גרויסער שעה,
וואו זיין וואָרט איז נויטיק, ווי דער ציגל.

און עס פלאַמט מיט יידיש־קדושה,
מיט הייליקן ווילן צינדט ער הערצער אָן:
דער פלאַם פון וואָרט זיינס איז ירושה:
פון טאַטנס וואָרט, אַ מגידס אַ זון.

ס׳וועט דער קוואַל פון וואָרט ניט ווערן אַלט,
ווי דער שטראָם, ניט בלייבן שטיין;
ווי ס׳געזאַנג פון פייגל אינעם וואַלד —
וועט זיין ליד קיינמאָל ניט פאַרגיין...

צו אַ פריינט

(געווידמעט סעם און ראָוז קרעדיטאָר)

לאָז מיך לעבן דיר זיך זעצן
מיט מיין טרויער און אָן רייד,
איך וועל, פריינט מיינער, שעצן, —
טרייסט, — אין צער — וואָס מיך באַגלייט...
כ׳ווייס! קיינער קען מיין וואונד ניט היילן,
ווי מען קען די זון ניט מאַכן שוואַרץ,
זאָל מיין שווייגן דיר דערציילן,
וואָס עס ווייטיקט מיר דאָס האַרץ...
כ׳האָב פאַרמאָגט, אַ יונגע צווייגל,
ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט...
שווער צו ריידן... זאָל מיין שווייגן
דיר אויסזינגען מיין טרויעריק ליד,
אַ ליד פון ווערטער ניט דערזאָגטע —
אין שטומקייט זיך פאַרגייט,
ווי מיין האַרץ אַן אויסגענאָגטע —
נאָך מיין פאַרמעג, וויינט שטומערהייט...
לאָז מיך לעבן דיר זיך זעצן
מיט מיין טרויער און אָן רייד,
איך וועל, פריינט מיינער, שעצן, —
טרייסט, — אין צער — וואָס מיך באַגלייט...

פרילינגס־קלאַנגען

(געווידמעט טאָבין)

אַ כישופדיקע וועלט האָט אַרום זיך צעשפּרייט,
פון בערג און פון טאָלן און פעלדער;
אַ פרילינגדיק ווינטעלע לאַסטשעט און ווייעט,
און ס'זינגען אַ תפילה די וועלדער.

דער ווינטל לויפט דורך און אַ בלעטעלע פאַלט,
אַ צווייגל אויף בוים האָט צעהוידעט;
אַ טייכל זוכט וואָס אַרום ברעג און אָט באַלד
מיט גראָזן און בלומען זיך סודעט.

אַ ניגון אַ נייער קלינגט אָפּ פון אַרום,
אַ ניגון פון שירה צעקלינגט זיך;
און אַלץ וואָס אין ווינטער געווען איז שטום —
צעבליט זיך, צעקוועלט און צעזינגט זיך.

מיט תמימות האָב איך אָט דעם וואונדער געזען,
מיט וואונדער פאַרנומען די קלאַנגען;
ס'איז ווידער אַ פרילינג אַזוי ווי געווען,
מיט אַלט־נייע וואונטשן, פאַרלאַנגען.

חיה און מענטש

עס איז באַהאַלטן
אין יעדן מענטש
צוויי געשטאַלטן:
חיה און מענטש.

מענטש אַ צווייטן וויל
אויך זיין מחיה;
חיה נאָר וויל
זיך אַליין זיין מחיה.

פירן מענטש און חיה
אייביקע מלחמה;
זיגט די חיה —
איבער דער מענטשלעכער נשמה.

איך גיי אויף דער גאַס

איך גיי אויף דער גאַס מיט פּאַמעלעכע טריט,
ווי כ׳וואָלט זיי, די טריט מיינע, ציילן;
די מענטשן אַרום, מיט געאייל ווי יריד,
מען איילט זיך, וואוהין איז דאָס איילן?

נאָך וואָס און צו וואָס איז דאָס ווילדע געיעג?
מיינע טריט, ווי איך וואָלט זיי קלייבן;
עס נעמט דאָך ניט לאַנג, קורץ איז דער וועג...
און ס׳ווילט זיך דאָ לענגער פאַרבלייבן.

די אַרבעט איז קיינמאָל פאַרענדיקט, און ווייט
איז דעם לויכטנדן ציל צו דערגרייכן.
זאָל ציען, זיך ציען פּאַמעלעך די צייט,
ביז וואַנען מיין טאָג וועט פאַרבלייכן...

איך גיי אויף דער גאַס מיט פּאַמעלעכע טריט
און טראָג צו דער וועלט און מיין מאָרגן —
מיין ווייטאָגדיק, טרויעריק־ליד,
טיף אין האַרצן פאַרבאָרגן...

ראש־השנה אין די בערג

מיטן טלית אונטערן יום־טוב קלייד,
צו דאַווענען מיט אַ מנין,
איז ער געגאַנגען מיילן ווייט —
אַ שולעכל צו געפינען.

די יאַרמעלקע האָט זיין גרויען קאָפּ באַדעקט,
דאָס האַרץ איז אים געוואָקסן אין גרויס כוונה,
די הענט, מיט דאַנק צום הימל ר׳האָט געשטרעקט,
ווען ער האָט געדאַוונט — ראש־השנה.

און ער האָט אויך געהאַט אמונה
און אַ וואַרעמער באַגער —
במנין דאַווענען, שבת נאָך ראש־השנה, —
זיינען מיילן, אים ניט געפאַלן שווער...

נאָר געבליבן ר׳איז אַנטוישט, אַליין, —
צערונען זיין בטחון איז אין לער,
קיין מנין איז שוין ניט געווען, —
און אויף זיין טלית געפאַלן איז אַ טרער...

ניט פרעג

ניט פרעג דאָס קינד פאַרוואָס עס וויינט
ווען מיט שפּילצייג וויל מען עס פאַרשפּילן,
ניט פרעג דערוואַקסענעם פאַרוואָס ער וויינט —
ער קען זיין טרויער ניט פאַרשטילן...

ניט פרעג דעם אַלטן פאַרוואָס זיין גאַנג איז שווער
פאַרוואָס דער טונקעלער אומעט אין די אויגן,
ער איז דעם לאַנגן גאַנג אַהער
אויף אָדלער פליגל ניט געפלויגן...

ניט פרעג פאַרוואָס ס'איז יענעמס קאָפּ —
אַזוי פרי ווייס געוואָרן,
ער איז פון חלום־בריק אַראָפּ
אָן האָפענונג, זיין טרוים, — פאַרלאָרן...

ניט פרעג פאַרוואָס דער טאָג פאַרגייט,
פון וואַנעט שטראָמען קוואַלן, —
דאָס לעבן בליט און ווערט פאַרשנייט,
און ס'וואַרעמט מער ניט זונען שטראַלן...

אַ לאַמטערן

עס וועקט אין מיר אַ ליד אַיעדער
יידיש וואָרט, וואָס ווי פּערל כ׳קלייב,
נאָר שטאַרקער ווערט מיין מידע פעדער —
ווען נאָר וועגן פּערל איך שרייב...

און ווילט זיך מיר אַ בילד ־יוען מאָלן,
זוך איך וואו ס׳איז לויטער ליכט,
נאָר איבער בערג און טיפע טאָלן —
שיינט אויף דאָס פּערל געזיכט...

גיי איך אום ביינאַכט — אויף וועגן,
באַוואונדער די לבנה, שטערן —
קומט מיין פּערל מיר אַנטקעגן,
ווי אַ לויכטנדער לאַמטערן...

אַליין

איך בענק נאָך פרייד,
ווי ס׳דאַרשט די בלום אַ טראָפּן טוי,
און זונען־שטראַל פון הימל בלוי...
ס׳זאָל שפּיגלען זיך מיין פרייד,
אין האַרצן פון אַ פריינט,
און ליכטיקן זיין טונקעלן היינט.

איך בענק נאָך פרייד,
צו קענען טיילן זיך מיט יענעם,
וואָס האָט צער און לייד,
זיין האַרץ ווי מיינס — האַלט אין קלעמען...

אָבער — אַז איך בין אַליין,
ווי אַ סקעלעט אַ בוים אין וואַלד,
אין אַ וויטן פעלד אַ שטיין
און פון טרויער איז דאָס האַרץ פאַרגאַלט...
לויטער איך מיין נשמה אין מיין טרער,
ווערט גרינגער ס׳האַרץ וואָס איז אַזוי שווער,
און קיינער זעט ניט מיין צער
און הערט ניט מיין געוויין, —
ווייל איך לעב אין מיין טרויער־וועלט אַליין...

ערגעץ־וואו

ערגעץ־וואו —
גלעקער קלינגען אויס חתן־כלה פרייד.

ערגעץ־וואו —
ווערט אַ בוים מיט גרינע בלעטער אָנגעקליידט.

ערגעץ־וואו —
ווערט אַ פלאַכער טייך מיט וואַסערן צעשפילט,

ערגעץ־וואו —
ווערט אַ ביטער יאָמערן ניט איינגעשטילט.

ערגעץ־וואו —
ווערן בעכערס איבערפולט מיט וויין,
און מיין ליד
ווערט ערגעץ־וואו —
אין אַ מיד געוויין פאַרגיין...

גוט יום־טוב!

(צום 15טן יום העצמאות)

מיין האַנט צו אַ יעדערן איך גיב,
און זאָג: דו ביסט מיין פריינט,
צי האָסט מיך פיינט צי האָסט מיך ליב, —
ווייל ס׳איז יום־טוב היינט!

פאַרגעסן ווערן אַלע זאָרגן,
פאַרגעסן וואָס ס׳האָט געטראָפן,
טיף אין האַרץ איז אַלץ פאַרבאָרגן, —
ווי לאַנג די אויגן זיינען אָפן.

יעדן איינעמס האַנט איך דריק,
כ׳וויל זוכה זיין יעדן בענטשן,
אַז זיין זאָל ליבע און גליק —
און יום־טוב צווישן אַלע מענטשן!

דו פרעגסט מיך

דו פרעגסט מיך, פריינט, פאַרוואָס
כ'האָב אויפגעהערט צו שרייבן?
ווייל אָנשטאָט וואָרט — פאַרדראָס
אין האַרצן נעמט זיך קלייבן.

פון ליידן און פון פיינען —
אַזוי פיל שוין געשריבן,
און פריידן? פון זיי זיינען
קיין איינציקע געבליבן.

עס האָבן שטורעם רעגנס,
פאַרגאָסן מיינע שויבן,
און ווינטן בייזע האָבן —
פאַרטריבן מיינע טויבן.

ווי קען איך ווין דען טרינקען,
און קלינגען זאָל געלעכטער —
אַז ס'האַלט די וועלט אין זינקען,
און ווערט אַלץ ערגער, שלעכטער?!

איך קען איצט מער ניט שרייבן,
ס'איז בעסער ניט צו קלערן —
ביז וואַן ס'וועט זון פאַרטרייבן
די נאַכט — און העל וועט ווערן!

פרילינג

זי זיצט ביים פענצטער און באַטראַכט די וועלט,
אַוועק איז שוין דער ווינטער, דער שניי און קעלט.
דער פרילינג האָט מיט זון די וועלט באַהעלט
זי זיצט ביים פענצטער און באַטראַכט די וועלט.

אַ ווערוויקל שפרינגט איבער דעם גראָז אַרום,
אַ וואונק צום בלעטל, אַ וואונק צו דער בלום,
כאַפּט צו אַ ניסעלע פון איינעם דאָ דערביי, —
שפרינגט פריידיק אויף אַ בוים, לעבן איז כדאַי!

דער פויגל אויפן בוים לאָזט הערן זיין געזאַנג,
ער האָט אויך געוואַרט אַ ווינטער לאַנג;
און דאָס שיפל איינגעפרוירן ביים טייך אין שניי,
וויגט זיך ווידער אויפן טייכל מיט פאַרליבטע צוויי.

זי זיצט ביים פענצטער און באַטראַכט די וועלט,
ס'איז פרילינגדיק אַרום, אַלצדינג זינגט און קוועלט,
אַ פויגל פליט פאַרביי, וואַרפט איר צו אַ בליק, —
נאָר איר פייגעלע קומט ניט מער צוריק...

ווינטער

דער רווישיקער טייך ליגט פאַרפרוירן,
די שיפלעך ביים ברעג שטייען שטיל,
די שיינקייט פון פעלד איז פאַרלוירן,
פאַרגיין מוז דאָס זומערדיק שפּיל.

די ביימער אין וועלדל דערגנעבן —
מיט צווייגן סקעלעטיש געשטרעקט,
די ערד וואָס געשפּראָצט האָט מיט לעבן,
מיט שניי־ווייסן פאַרטוך פאַרדעקט.

דער אָפּקלאַנג פון פייגל־געזאַנגען,
פאַרשלונגען פון פראָסטיקןווינט;
אין שטאָט אָבער הערן זיך קלאַנגען
פון שפּיל, מיט שניי־פּילקעס — קינד מיט קינד.

זיי שפּילן זיך, פרייד און געלעכטער,
ס'איז זייער לעבנס־וועג מיט האָפענונג רייך,
נישט ווי פאַרגליווערטע וועכטער, —
די שיפלעך אין אייזיקן טייך.

אויפן הייליקן אָרט

אַליין! איך גיי אַליין! אַליין!
ביז כ׳קום צום שטומען שטיין
טויט־שטיל איז דאָ דער אַרום;
מיין האַרץ איז שווער, די ליפּן שטום...

אַליין! דאָ אין מיין טיפן צער —
איז מיין אָנשפּאַר
דער שטיין, ס׳בערגל ערד אויף מיין קינד...
ווי מיר! ס׳וויינט מיט מיר דער ווינט...

פון מיינע אויגן טרערט און טרערט,
אוי! אפשר ווערט שווערער איר די ערד!
אַליין! כ׳גיי צוריק מיט וואַקלענדיקע טריט,
נאָר מיטן קבר בלייבט מיין בליק און מיין געמיט...

און כ׳פרעגביים האַר (ער מוז עס וויסן),
פאַרוואָס איז מיין קינד פון מיר אַוועקגעריסן,
און געבליבן ז׳מיר: דער שטיין, דאָס בערגל ערד, —
פאַרוואָס, פאַרוואָס איז מיר אַזוי באַשערט??!!

דערוואַכונג

די פלאַנצן וועקן זיך פון קאַלטן טרוים
און די ערד יערט גרינע גראָזן,
דער פרילינג בליט אויף צווייג און בוים
מיט אויפגעלעבטן אָטעם ווייט צעבלאָזן...

אין פענצטער שטראַלט די זון אַריין
מיט פאַנטאַסטיש גינגאָלד־שימער,
אין גאָרטן — טרויבן רייפן פול מיט וויין
צו פאַרשיכורן, פאַרשטילן —

און אַרום דעם שטילן, שפיגל־טייך
דערוואַכטע בלומען שטרעקן רויטע קלינגלעך,
דער פרילינג שפרייט זיין ווייטן קעניגרייך —
פאַרטרייבט דעם ווינטער פון אַלע וויקעלעך...

אויף ניו־יאָרקער גאַסן

קליפּ — קלאַפּ, קליפּ־קלאַפּ,
קלאַפּט אַ שטעקן אויפֿן שטיין,
ס׳גייט אַ בלינדער אום און טאַפּט
מיט דער האַנט די לופֿט, און קלאַפּט —
זוכנדיק דעם וועג ווייטער גיין.
יעדער וועג איז אים אומבאַקאַנט —
אין דער דזשונגעל־שטאָט,
נעמט אים איינער פֿאַרן האַנט,
ער זאָל ניט שטרויכלען אין זיין טראָט.

שאַר־שאַר, שאַר־ שאַר —
שאַרט זיך איינער אויף די הענט,
האָט קיין פֿוס ניט — ווי ס׳אַ צער;
שאַרט ער זיך אויף די הענט,
שטעלט אַמאָל זיך עמעץ אָפּ,
וואַרפֿט אים אַ מטבע צו,
דאַנקט ער, שאָקלט מיטן קאָפּ —
און ער שאַרט זיך אַנדערשוואו...

זיצט אין פּאַרק אויף אַ באַנק
איינער טרויעריק און שטום:
איז ער מיד? איז ער קראַנק?
ס׳אַרט ניט קיינעם דאָרט אַרום.
ער איז בלויז אַ היימלאָזער,
האָט ניט וואו צו גיין,
פֿון דער וועלט פֿאַרלאָזענער,
אין דער וועלט־שטאָט — אַליין, אַליין...

אין בענקשאַפט

האָסט דאָ, נאָר אַ קורצע צייט געווײלט,
אַ קורצן וועג דאָ דורכגעגאַנגען,
און ערגעץ מיט מיין פרייד אַוועקגעאײלט, —
און כ׳הער דיין קול, ווי עכאָ־קלאַנגען.

עס איז מיין בענקשאַפט אַזוי גרויס
פון זינט דו ביסט פאַרשוואונדן,
עס פלעמלט אין מיין טונקל הויז, —
דאָס יאָרצייט־ליכט וואָס איך האָב אָנגעצונדן.

עס ציטערט מיר די האַנט, ניט ווייל איך בין אַלט,
ווען די יאָרצייט־ליכט כ׳הויב אָן צינדן;
אויפסניי שיינט אויף דיין ליכטיק־ליב געשטאַלט, —
און עפנט אויף אין האַרץ די וואונדן...

ס׳איז גרויס מיין בענקשאַפט, אָן אַ מאָס,
פאַרהילט אין צער איז מיין לעבן,
מיין פרייד — איז האַרבסטיק גראָז,
פאַרוועלקט, אָן האָפענונג אויפצולעבן...

אַ מאַמע רעדט

געהאַט האָב איך
אַ פייגעלע אין שטוב,
וואָס האָט מיר פרייד געגעבן,
געווען איז עס מיר
טייער און ליב —
מיין גאַנצער אָנהאַלט אין לעבן.

האָב איבער איר
געוואַכט טאָג און נאַכט,
איר גליק זאָל קיין זאַך ניט שטערן,
איצט זיץ איך אין צימער
כסדר און טראַכט:
אָן מיר, וואָס קאָן פון איר ווערן?

עס איז מיין שיין
און טייער פייגעלע,
ווייט פון מיר אַוועקגעפלויגן,
און איבערגעלאָזט
ליידיק איר שטייגעלע,
און מיך — מיט טריבע אויגן.

איצט בילדער פאַרשיידענע
אין מוח מיר שוועבן,
פון צופיל טראַכטן און דענקען,
צי איז זי אַצינד
צופרידן אין לעבן —
צי טוט זי ווי איך אַזוי בענקען...

רעדער

רעדער דרייען זיך אימפּעטיק און יאָגן,
לויפן איינס איינאַנדער צו דעריאָגן,
רווישנדיקע טראָגן זיך אַלץ ווייטער, ווייטער,
רעדער — שטורעם — פייערדיקער רייטער.

רעדער פליען זינגענדיק און טראָגן
זיך אַליין די צייט אַריבעריאָגן.
רעדער — שטאָל און אייזן זינגען,
איילן מיילן צו פאַרשלינגען.

בערג און טאָלן קומען אָן אַנטקעגן,
פעלדער, וועלדער דרייען זיך אויף וועגן,
טייכן בליצן אויף און גיך פאַרשווינדן,
רעדער — אין פאַרמעסט מיט שטורעם ווינטן.

רעדער, רעדער זאָגט מיר וואוהין פליט איר?
וואָס איז דאָרט פאַר מיר, וואוהין עס ציט מיך?
וואָס איז אָנגעגרייט, וואָס וועל איך געפינען?
יאָגט איר, רעדער, אפשר צו אַ ניי באַגינען!

פלאָרידע

(געווידמעט מיין שוואָגער און שוועגערין —
אַהרן און לוסי)

די וועלט איז שיין און פלאָרידע איז שענער,
דער הימל איז דאָרט בלויער ווי אומעטום,
דער צער וואָס עסט כסדר ווערט דאָרט קלענער,
עס זינגט צו דיר דער פרילינג און די בלום!

דער ים ברענגט סודות אויף וויגנדיקע כוואַליעס,
און פייגל טראָגן די סודות וואו אַוועק,
און ברענגען אַנדערע פון ערגעץ פאַר נתגלות,
אַהער צום אייביק זוניקן, וואונדערלעכן ברעג.

די פאַלמעןביימער הויבן זיך צום הימל,
צעשפרייטע בלעטער נעמען זיי אַרום,
און קוים דערהערן מורמלען ווי אין דרימל —
אַ תפילה צום באַשעפער אַזוי שטיל און פרום.

און איך גיי אום און שמייכל אַלעמען אַנטקעגן,
זאָל קיינער ניט דערזען וואָס אין האַרצן איז,
דעם שניי און שטורעם, קאַלטן ווינט און רעגן,
זאָל דוכטן זיי איך בין אין אַ פּאַראַדיז...

ווייל פלאָרידע וואָלט דאָך געקענט זיין שענער,
דער הימל ריינער אין טיפן העלן־בלוי,
ווען זי איז אויך אָט דאָ... די פייגל־טענער
וואָלטן זיסער נאָך געווען און ליב אַזוי.

פאַרפלויגן זײַנען טעג אײדער כ'האָב געזען זײ,
געלאָזן בלויז סימנים פון דער זון פאַרברענט,
נאָר פאַלמען, זון און ים, דעם גאַנצן הימל כ'נעם זײ
מיט זיך אַהין, צו מײַנע גרויע ווענט...

די באַן לויפט שנעל מיט מיר און טראָגט מיך
צוריק צום אַלטן בענקען און צום ווײ,
נאָר די שײנקײט פון פלאָרידע פאַרפאָלגט מיך,
און עפּעס רעדט צו מיר: וואָס אײַלסטו זיך אַזוי?

יאָר נאָך יאָר

(אין אָנדענק פון מיין טאָכטער פערל, צום פערצנטן יאָרצייט)

יאָר נאָך יאָר אין זעלבן טאָג
איך קום אַ־ה־ע־ר צו גיין,
מיין טיפן צער אין אויג איך טראָג,
אין האַרצן מיין טרויעריק געוויין.

פאַרוויינט איך קוק צום הימל־ראַנד —
ביסט אפשר דאָרט אַצינד
הויך אין מלאכים־לאַנד
און זעסט און הערסט, מיין קינד,

ווי ס׳וויינט דיין מאַמע, פרעגט: פאַרוואָס ?!
דער הימל אָבער שטומט
און איבערפולט עס ווערט מיין כוס —
מיט פיין וואָס קומט און קומט...

איך פרעג ביי פייגעלעך וואָס שאַלן,
איך פרעגביים ווינט דעם יעָגער,
וואו איז מיין קינד? ניטאָ, ניטאָ! פאַרפאַלן!
איך בלייב דער נאַר, דער פרעגער...

די וועלט אַרום פאַרגעסט געשווינד,
אַ מאַמע נאָר געדענקט
און טראָגט אין האַרץ איר וואונד, אָ, קינד!
זי — אייביק, אייביק בענקט...

יאָר נאָך יאָר כ׳קום צוגיין,
צום קבר פון מיין קינד,
דאָס האַרץ צעגייט אין געוויין —
און אין פעלד וויינט מיט דער ווינט...

מיינע געפילן

מיינע טרויעריקע געפילן,
און צעווייטיקטע גלידער,
ווי אַ קאַפּעליע זיי שפּילן,
נאָר אומעטיקע לידער...

ווען איך לאָז זיך באַטויבן
און כ'פאַרליר זיך אינגאַנצן —
די פיס מיינע זיך הויבן,
אַ פריילעכס צו טאַנצן.

כ'נעם זינגען זיך לידער
מיט אַ לוסטיקן ניגון —
ביז די ליידן מיך ווידער
אין טרויער פאַרוויגן...

גיטעלע די שוחטקע

(דערינערונג — געווידמעט מיין שטעטעלע אפּעלע)

די צייט אין איר פּנקס ט׳פאַרשריבן די יאָרן
פון ליכטיקע מעשים מיט גוטסקייט געפּירט,
זיי פרישן און לעבן ביי מיר אין זכרון
פון זינט, אין מיין שטעטל, מיט מיר ס׳האָט פּאַסירט:

אין לויטערן פרילינג, ווי דונער געטראָפן,
די שרעקלעכע שרפה, האָט די נאַכט ווי בליצן צעבלענדט,
און פלאַמיקע צונגען מיט ווינט אָנגעלאָפן,
פונעם הויז אונדז געלאָזן צעקוילעטע פיר ווענט...

פון הייליקע ספרים, אַ דורות־ירושה
פון קאָזשניצער מגידס אַן אָפּשטאַם מסתם, —
איז אַשעס געבליבן; אויך ס׳ביסל הלבשה
אַוועק איז מיט מוראדיק גרויליקן פלאַם...

און ס׳זיינען צוויי יונגע יתומות געבליבן
אַן אַ ווינקל וואו לייגן די קעפּ, אָן אַ געצעלט,
קיין מלבוש, קיין וואַרימען וואָרט פון אַ ליבן, —
מיט קישנס אַ פּאָר און אַליין אויף דער וועלט...

אין שטעטל געווען זיינען אייניקע גבירים
מיט שטובן געראַמע, גענוג פאַר אַיעדן,
נאָר ס׳טרעפט זיך, ניט זעלטן, אַז ביי עשירים
דאָס האַרץ איז פאַרשלאָסן, רחמנות ניט רעדן...

נאָר גיטעלע שוחטקע, די אָרעמע אַלמנה,
מיט קינדערלעך דריי און נאָר צימערלעך צוויי,
די גבירים געוויזן איר גוטסקייט כוונה —
די יתומות איר דאַך — געגעבן אויך זיי...

און איך נאָך אַ קינד אַ שוואַכע, אַ קליינע, —
איר מאַמעשע גוטסקייט געדענק איך בין איצט,
מיט ברכות כ׳דערמאָן זי, אירע מעשים די שיינע,
ביי מיר אין זכרון אויף אייביק פאַרקריצט...

קליין איז מיין וועלט

אין מיין וועלט וויברירן ווייטער שטימען,
טרויעריק פאַטאַלע טענער —
מיט געפאַנגענשאַפט האַלטן מיך אַרומגענומען
און מיין מידע וועלט ווערט קלענער, קלענער...

טאָג און נאַכט — דער איינזאַם טרייבט מיין לעבן,
כ׳קען דעם אומעט ניט פאַרטראָגן,
ניטאָ ווער זאָל מיר אילוזיע געבן —
אַז פון טרויער וועט אַ העלער טאָג נאָך טאָגן...

קליין בין איך און ווער נאָך קלענער —
אין מיין וועלט, צווישן מיטמענטש, אַ פאַרשטעלטע...
פון דער צייטס און גרויען מזלס דערנער —
ווערט אַ לעבן פרי, ווי אַ בלום פאַרוועלקטע...

די מאָלערין

צווישן טאָג און נאַכט,
זיצט אַ מאָלערין פאַרטראַכט,
אויף אַ באַרג, אויף אַ שטיין;
זיצט זי אַליין,
ביי לייוונט און פּאַפּיר,
און טראַכט וואָס צו מאָלן פריער...

די וואונדער פון אַרום —
נאַטורס פּאַנאָראַמע;
צי מאָלן אַ גוססדיקע בלום,
וואָס האַלט קוים אירע בלעטעלעך צוזאַמען?

צי דער זונס פאַרגיין
איבער בערג און טאָלן,
מיט אירע לעצטע שטראַלן,
וואָס שפּיגלען זיך אין וואַסער־קוואַלן, —
צי אפשר נעמען מאָלן
גאָר זיך אַליין?...

מיט איר געדאַנקען־קלעטער
מישט זי ווייטער די פאַרבן:
אפשר מאָלן די בלעטער,
וואָס האַלטן ביים שטאַרבן?...

דעם הימלס כמאַרעס — פאַרלאָרן,
די פייגל — פאַריאָגט פונעם ווינט,
און די מאָלערין נעמט זיך מאָלן
דאָס געשטאַלט פון איר קינד.

דאָס רעדל פון דער וועלט*

רעדל, דו דרייסט זיך,
דו האַלסט אָן דיין שפּאַן;
אַזוי דריי איך זיך אויך
און זע וואָס ס'איז פאַראַן.

די וועלט איז גרויס,
אָן סוף איר פאַרנעם;
זי האַלט אויף איר שויס
די מענטשן אין קלעם.

רעדל! ליידער, ליידער,
וואָס האָסטו דערפון,
אַז דרייסט אונדז כסדר
אַוועק פון דער זון?...

* די מוזיק צום ליד פון הענעך קאָן געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

בייזע ווינטן

אָ, וועלט! די בייזע ווינטן דיינע
שטורעמען און רייסן דעכער,
ברעכן מוראדיק די שויבן,
פליען פייגל העכער, העכער, —
פאַלן מענטשן אין די שטויבן.

אָ, וועלט! עס האָט דיין ערד
צעעפנט ברייט איר מויל,
און שלינגט מענטשן קינדער אָן רחמנות,
און טאַטע־מאַמעס הערצער
ווייטיקן אין גרויל
און ציטערן אַצינדער אין סכנות.

נאָר אפשר שטעלסטו אונדז
פאַר אַ צייטווייליקן נסיון,
און ווילסטו אונדז אָנשרעקן,
ביז וועסט אַליין זיך איבערבויען,
און ווי אַ וועלט אַ שענערע —
אויפסניי זיך אונדז אַנטפּלעקן.

ניט באַדויער

(געווידמעט גרשון און סילוויע גאָלדבערג)

אָ, פריינט, ניט באַדויער!
איך בין נישט אַליין;
מיט מיר איז מיין טרויער —
געאָרעמט מיר גייען...

און אויב אויף מיין פּנים
באַווייזט זיך אַ שמייכל —
דערביי איז, אפּנים,
פאַראַנען אַ שכל:

אויב ווילסט ניט דיין לייד
זאָל זען זיך אין גאַס —
באַציר דיינע רייד
מיט לאַך און מיט שפּאַס...

אַ בשורה

אַ בשורה פאַראַן:
אין טראָט, אין שפּאַן,
אין הויב, און פאַל;
אין טרעל פון נאַכטיגאַל,
אין דונער און בליץ,
אין זעגס אַ קריץ,
אין בויג פון בוים;
פון ים — דער שוים,
אין זון, לבנה, שטערן
(מענטש קען רייף ניט ווערן);
אין חיהס ברומען,
אין קינדס אָנקומען;
אין מענטשנס מי,
אין ערדס צעבלי',
און דאָס איז ניט ווייט —
נאָך אין אונדזער צייט.

אין שאָטן

זיידענע פעדעמלעך
האַלט איך אין קניפּן,
ביים ליכטל וואָס צאַנקט
אין דעם מנורה־רערל.
און תפילות אומענדלעכע,
שעפּטשען מיינע ליפּן:
„פּערל, פּערל, פּערל!"

ווען זוכנדיק דאָ און דאָרט
איך האַלט אין איין פרעגן —
מיט אַ טרייסטנדיק־וואָרט,
קומסטו פריינט, מיר אַנטקעגן.

אין דיין האַנט אַ פאַקל ליכט,
ווילסטו צו הילף מיר קומען,
ווען פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט, —
כ׳בין אין לעבנס־ים געשוואומען.

צום ליכט דערשוואומען בין איך נישט,
און איך לעב איצט אין אַ שאָטן;
פרעג איך פריינט: אין פינצטערניש
צי קען דען וואָס געראָטן?...

איך זוך

איך זוך און ווייס, איך וועל עס ניט געפינען
וואָס ס׳איז פאַרביי, קערט זיך ניט אום;
דאָס בענקען קען ניט, ווי האָפענונג, צערינען,
עס האַלט דאָס האַרץ אין קלעם און נאָגט מיך שטום.

איך זוך די שטילינקע, פאַרחלומטע פאַרנאַכטן,
וואָס האָבן מיך פאַרוויגט אין כישופדיקער רו;
איך זוך דעם בלויען הימל, דעם פאַרטראַכטן,
ווען פליגל האָבן מיך פאַרטראָגן ערגעץ וואו.

איך זוך די אויסגעשטערנטע נעכט פון זומער,
וואָס האָבן מיך כישופדיק געלאָקט;
ווען פרעמד איז מיר געווען דער טרויער און קומער,
ווען ס׳האָט דער ווינט געגלעט, ניט צאָרנדיק געיאָגט.

איך זוך אַלץ וואָס כ׳וועל מער ניט געפינען, —
די רו פון האַרץ, די פרייד פון אַרום מיר;
איך זוך, דעם פרילינג מיט זיין בלי און גרינען,
נאָר פרעמד איז מיר געוואָרן פון פרילינג דער באַריר.

איך זוך — אַ בלינדער אין רוישנדיקן שטורעם —
אַן אָנהאַלט, ניט צו פאַרזינקען אין קאָשמאַר;
נאָר ס׳טורעמט קעגן מיר אַ שוואַרצער טורעם
וואו ס׳ליגט פאַרזיגלט מיין גורל אין מיין צער...

דער הימל איז בלוי

דער הימל איז בלוי,
און שטיל דער אַרום;
נאָר דו ביסט ניטאָ, —
זיינען די ליפּן מיר שטום.

פון טאָג ווערט מיר נאַכט,
אַ לאָמפּ צינדט זיך אָן;
אַ קרעכצן מיר דאַכט
פון ערגעץ קומט אָן.

עס ברעכן זיך צווייגן
פון ביימער אַלץ מער;
אין ווייטיקדיק שווייגן —
אין אויג קומט אַ טרער.

דאָס לעבן איז גרוי,
און איך בין אַליין;
און שווער איז אַזוי
באַהאַלטן ס׳געוויין...

קנאה

וואו איך גיי
און וואו איך קום —
פרייד און לייד איך זע
און קנאה איך געפין.

מיינעליידן זיינען גרויס,
טראַכט אַיעדערער ביי זיך,
יעדער איז אַ יחיד בלויז, —
דענקט ער נאָר פון זיך...

טראַכט איך: ס׳מוז אַן אָרט דאָך זיין —
פריי פון קנאה, — יאָ, געוויס!
גיי איך אין שפּיטאָל אַריין,
זע איך: דער אָן הענט, דער אָן פיס, —

און אויך דאָ קנאהס פייער גליט...
כ׳זע דאָ אויגן פול מיט לייד:
דער אָן פיס וואָס ליגט,
איז מקנא דעם וואָס גייט...

און דער קנאה־פלאַם טוט מיך באַגלייטן,
וואו איך גיי און וואו איך קום:
סמט ער איינעם קעגן צווייטן
און די גאַנצע וועלט אַרום...

אין קאַמף

ניט צייל מיינע יאָרן, די טעג,
קיין זון איז אין זיי ניט פאַראַנען,
ניט מיט בלומען געשפּרייט איז מיין וועג, —
איבער שטיינער האָב איך געמוזט שפּאַנען.

און וועל אַזוי שפּאַנען נאָך יאָרן אַ סך,
ביז כ'וועל צו מיין ציל ווען דערגרייכן;
און זון וועט באַלויכטן דעם מענטשנס שליאַך
פון די שטיינער וועט ניט בלייבן קיין צייכן...

ליב־שטויב

ליב־שטויב —
אַ מענטשלעך וועזן
גאַרט נאָך דערהויב,
נאָך אַ ברעקעלע ליב...

ערשט נעכטן בוקעטן פון רויזן,
אַן אויסדרוק פון ליב, —
נאָר היינט שוין צעבלאָזן...
פאַרוואַנדלט אין שטויב.

אויך מענטשן זיי ווערן
ווי שיכט פונעם שטויב;
נאָר מעשים געהערן
צום אייביקן ליב.

פריינטשאַפט אין לייד

ווען שוואַרצע כמאַרעס האָבן
די זון איר פאַרשטעלט —
געמאַכט האָט זי שלום
מיט דער פינצטערער וועלט.

זי האָט פריינטשאַפט געשלאָסן,
אין גאַס, מיט די שטיינער.
און הייסע טרערן פאַרגאָסן
ווען געזען האָט נישט קיינער.

און ווען אויף אַלע אירע וועגן
האָבן ליכט זיך פאַרלאָשן —
מיט ווינט און מיט רעגן
האָט זי פריינטשאַפט געשלאָסן.

זי האָט פריינטשאַפט געשלאָסן,
מיט לבנה און שטערן.
אירע זיפצן אין זיך פאַרשלאָסן,
ס'זאָל זיי קיינער נישט הערן...

זינט פון איר חלום דעם שיינעם
איז איר פרייד זיך צערונען —
אין די ווינטן, וואָס וויינען
האָט זי פריינטשאַפט געפונען...

ביי די ליכטער פון שבת

(געווידמעט דער דיכטערין ברכה סטאַלאַווי)

אין מינוטן, אין שעהען,
בייטאָג און ביינאַכט —
עס לאָזט מיך ניט רוען:
אַ פריינט מיינס איז שוואַך.

ביי די ליכטער פון שבת
איך בויג זיך, אַ שטילע, —
אין זכות פון די אָבות
איך שעפטשע אַ תפילה:

אַלמעכטיקער טאַטע,
הער אויס מיינע ווערטער:
די הילפלאָזע, שוואַכע,
אויף כלערליי ערטער —

פאַרגרינג זיי די ליידן,
און שענק זיי מנוחה,
באַשטראַל זיי מיט חסד
פון דיין געטלעכער ברכה.

אין תהום פון לעבן

איך בין אין גאַס געגאַנגען
אין מחשבות טיף פאַרזונקען,
האָט אַ קלאַפּ פון אַ שטעקן
ווי פון שלאָף מיך אויפגעוועקט:
אַ מאַן מיט בלינדע אויגן
האָט צו מיר געוואונקען,
און ס׳זעענדיקע לעבן
האָט ער אָנגערעגט.

און פון אַ צווייטער גאַס
איז נאָך איינער געקומען,
אויף זיינע הענט געשאַרט זיך
אין גרויסן מענטשן־שטראָם:
פון וואַנען, זאָגט, אומגליקלעכע,
האָט איר זיך גענומען?
מיט אייער צער און מיט מיין צער
צו אָנפילן אַ תהום?

ס׳איז שווער די בלינדע און
פאַרקריפּלטע צו נאַרן,
ס׳איז שווער פון זיי באַהאַלטן
דעם אייגן צער און וויי;
און ס׳ווינקט צו מיר דער בלינדער,
און ס׳נעמט דער קריפּל שאַרן,
און טראָגט מיין צער אַלץ נענטער צו זיי...

דער באַשאַף איז געטלעך

דער באַשאַף איז געטלעך,
דאָס לעבן — אַ לייטער;
די יאָרן זיינען טרעפּלעך,
די צייט — אַ באַגלייטער.

אויף מענטש פון דער צייט,
וואָס אַקערט און זייט;
ער פרעגט דעם באַדייט
פון בלי וואָס פאַרגייט.

נאָר נאַטור — זי בלייבט שטום,
זי טוט גאָרנישט פרעגן;
און באַשאַפט וואו אַ בלום
אויף פאַרוואָרפענע וועגן.

אויף איר סטיכישן שטייגער,
זי בויט און זי שאַפט;
און מענטש איז פאַרוואונדערט,
ער קוקט און ער גאַפט.

— — — — — — — — — —

דאָס לעבן איז אַ לייטער,
די טרעפּלעך — די יאָרן;
דער שטאַרקער גייט אַלץ ווייטער,
דער שוואַכער — ווערט פאַרלוירן.

איך האָב זיך גענאַרט

דיין פריינטשאַפט האָט מיך געפירט און געהיט,
געשטאַרקט מיך, געגעבן מיר מוט;
האָב שטיינער געמידן פון אונטער די טריט, —
מיין האַרץ איז געוועזן באַרוט.

נאָר באַלד איז אַ וואָרט דיינס געפאַלן — אַ שטיין,
אַ וואָרט אַזוי שווער, אַזוי האַרט;
און ווידער האָב איך זיך דערפילט דאָ אַליין, —
פאַריתומט און ביטער גענאַרט.

אומזיסט האָב געהאָפט און אומזיסט האָב געוואַרט,
געמיינט ס'האָט דיין פריינטשאַפט אַ ווערט;
געהאָפט און געוואַרט און איך האָב זיך גענאַרט, —
אויך פריינטשאַפט קען ווערן צעשטערט.

דער דורשטיקער פויגל

אַ דורשטיקער פויגל
האָט זיך צעזונגען,
ווען ער האָט אין מדבר
אַ קוואַל אויסגעפאָרשט.

זיין ליד, און דער וויסט
האָט מיט פרייד אָפּגעקלונגען,
און ער האָט מיט הנאה
געזעטיקט זיין דאָרשט.

ערגעץ וואו אויף אַ פעלד
קלאָגט אַ פויגל אַ קראַנקער,
און פליסיקע וואַסערן
רוישן דערנעבן.

נאָר קיינער באַנעמט נישט
דעם פייגלס געשרייען,
מיט אַ טראָפּעלע וואַסער
צו העלפן אים לעבן.

אַ יעדער

אַ יעדער זאַך האָט זיין וואָג,
אַפילו די — וואָס אין האַרצן כ׳טראָג;

אַ יעדער וואָרט האָט זיין זאָג,
אַפילו מיינס, דאָס אָרעמס, וואָס כ׳פאַרמאָג.

אַ יעדער בלוט־פּולס, ווי אַ זייגער שלאָגט,
מיין פּולס — טרויער יאָגט...

אַ יעדער קעמל זיין האָרב געהאָרכזאַם טראָגט,
נאָר שווער איז דער האָרב, וואָס מיט וויייען נאָגט...

מען איז געבענטשט פון גאָט,
אויב נאָר אַ פּעקל איינער האָט,

נאָר די האַרצנס־משא — איז אַ קלאָג,
שווער! שווער! ווער אין האַרץ זי טראָגט...

אין וואונדן

ווי אַ פייגעלע רייסט זיך פון נעסט
אין ספערן אין הויכע צו פליען,
געטאָן האָט זיך אויך אַ פאַרמעסט
מיין קינד וואו אין וויטן צו ציען.

געציטערט מיין האַרץ האָט אין שרעק,
גענומען כ׳האָב וויך זי צו פרעגן:
דו ווילסט פון טאַטע־מאַמע אַוועק, —
דו ביסט דאָך זייער איינציק פאַרמעגן!

דו ביסט אַזוי יונג נאָך, מיין קינד,
און ווינציק אין לעבן דערפאַרן,
קענסט ווערן פאַרטראָגן פון ווינט,
וואו ס׳לויערן אָפטמאָל געפאַרן.

נאָר זי האָט ניט גענומען אין אַכט
די ערנסטע רייד פון אַ מאַמע;
זי האָט זיך אין האַרצן געטראַכט:
דאָס איז אַזאַ זשעסט בלויז מסתמא?

געוואָלט האָט זי זען די וועלט
און אין אַ שיין אָרט זיך באַזעצן,
מיט איר חבר זיך לעבן, באַזעלט,
און רואיק זיך ליבן און שעצן.

דערגרייכט האָט זי איר אידעאַל,
און האָט צו אַ ברעג זיך דערשלאָגן,
נאָר פלוצעם — אַ גרויזאַמער פאַל —
פון וואַנען ? — קען קיינער ניט זאָגן...

אַ קראַנקייט באַפאַלט אונדזער קינד ;
און גאָר נאָך אַ קורצן געדויער
איר אייביקע רו זי געפינט —
און טאַטע־מאַמע — אַ לעבן אין טרויער.

געדאַנק און פאַרלאַנג

זאָגט געדאַנק
צו דעם פאַרלאַנג:
„פון לעבן נעם!"
ענטפערט פאַרלאַנג:
„גרויס דער באַגער,
אַנטוישונג ניט מער,
איך בין אין קלעם!"
זאָגט דער געדאַנק:
„ניט שטער די שפּיל,
קענסט נעמען פיל
פון יעדן טראָט,
דאָס לעבן האָט
פון אַלץ אַ סך,
וואָס דיר פעלט אויס,
ניט לאָז קיין זאַך
פון האַנט אַרויס!"
נאָר דער פאַרלאַנג
ליגט אין קלעם,
און דער געדאַנק
רופט: „נעם און נעם"...

דעם באַשעפערס ווילן

אויף דער ערד איז אַ גערודער,
אויף דעם הימל — רואיק שטיל;
ווי אין שטורעם, שיף אָן רודער —
וואַרפט זיך מענטש אין לעבנס־שפיל.

יאָגט זיך נאָך זיין גורל נאָך
דורך שוויס, און בלוט און טרער;
צו פאַרגרינגערן זיין יאָך —
זאַמלט גאָלד ער מער און מער.

ביי זיין זייט — דער שטן שטייט,
און מיט שפיצלעך אַלערליי,
אַלץ פאַרכאַפּן איז ער גרייט,
חוזקט, לאַכט פון זיין געדריי.

שאָטנס פריינט, דער בייזער שלאַנג,
זוכט פון לעבן אויך גענוס;
וואו ער גייט נאָר אַ דערלאַנג —
אויסגעהוילט ווערט — ווי אַ נוס...

מיט פאַרצוקן נאָר אַן אבר —
ניט באַגנוגנט זיך דער שלאַנג;
גראָבט ער קבר אויס נאָך קבר,
שאַרט אַהין אַריין זיין פאַנג...

זון פאַרגייט, און גייט אויף ווידער
אויפן הימל, אַט דעם שטילן;
מענטש זיך ראַנגלט אין דער נידער —
איז דאָס דעם באַשעפערס ווילן?...

אַ שטיין אויפן פעלד

(צו דער מצבה־אויפדעקונג פון חברה דזשעני שולץ)

אַן איינזאַמע פעלד מיט מצבות פאַרזייט,
מיט בערגלעך ערד, אַ ריי נאָך אַ ריי.
און איבער זיי אייביקער פרידן פאַרשפּרייט,
די רו פון דעם אייביקן שלאָף אונטער זיי.

און דאָ ביי אַ בערגל נאָך וואַרעמע ערד,
אַ נייעם שטיין האָט מען דאָ היינט אויפגעשטעלט,
אין אָנדענק פון איינער וואָס זיך געגערט
מיט חלום צו שאַפן אַ שענערע וועלט.

איך שטיי ביי דעם שטיין דעם נייעם, געבויגן,
און קוק אַ פאַרטרערטע אויפן בערגעלע ערד,
אַ חלום אַ שיינער צו די הימלען פאַרפלויגן,
ניט געוועזן איז אַ מענטשן אַ ליבן באַשערט —

צו וועבן דעם פאָדעם פון פריינטשאַפט און ליבע
פאַר אַלע וואָס וויסן נאָר ליידן און נויט;
און ברענגען אין איינזאַמע נעכט און אין טריבע,
אַ טרייסט־וואָרט צו זיי, אַ שטראַל כאָטש פון פרייד.

עס פליען אום פייגל, באַטראַכטן די קברים,
אַ ווינט קומט אַמאָל צו באַוויינען דאָס פעלד —
וואו ס׳רוען אין פרידן סיי רייכע, סיי אָרעם,
וואו ס׳האָט זיך אויף אייביק פאַרשלאָסן זייער וועלט.

איך קוק אויף דעם שטיין, דעם אָנדענק דעם נייעם,
פון איר וואָס וועט קיינמאָל פון אונדז ניט פאַרגיין;
עס ריידן, דערציילן פון אַ חבר אַ געטרייען —
אַ בערגעלע ערד און אַ האַרט־שטומער שטיין...

דיין געבענטשטע האַנט

(געווידמעט צו ש. טענענבוים)

דיין רוף האָט מיך געבראַכט אַהער,
האָסט געוואָלט כ׳זאָל אַליין נישט בלייבן;
אין פינצטערניש פון דער נאַכט —
האָסט געוואָלט מיין צער פאַרטרייבן.

מיט מיין לעבנס־חבר זאַלבעדריט,
אין צענטראַל־פּאַרק מיר האָבן שפּאַצירט;
און מיט לאַנגזאַמע טריט
האָסט צום אַלטן פּיראַמיד מיך געפירט.

געפירט האָסטו אונדז איבער שליאַכן
פון נאַטורס אוצרות אָן אַ שיעור;
און ווי די לבנה וואַכט איבער זיי
געוויזן האָסטו מיר.

ווי דער האָדסאָן־טייך
פינקלט — אַ קרישטאָליקער שפּיגל;
סע שלייכט לאַנגזאַם אַ שיף
ווי אַ קינדעריש וויגל.

די עלעקטרישע לעמפּלעךביים טייך
וואַכזאַם לויכטן ווי אַ מאַמעס אויגן;
פּאַנאָראַמיק שימערירט דער טייך,
ווי אין העלן טאָג — אַ רעגנבויגן.

וויַ שטילע שומרים — די בוימער
שטייען געדיכט אין פעלד;
אויף בענק זיצן טרוימער —
פאַרגאַפט פון דער שיינער וועלט.

די וועלט איז רייך אין גאָלד,
אין פעלדער, אין וועלדער, אין גרינסן:
דו, מיין פריינט, האָסט געוואָלט
כ׳זאָל נאַטורס שיינקייט געניסן.

ווען צעשטרייט האָט צער מיין פאַרשטאַנד,
און ס׳איז שווער שיינע געדאַנקען צו קלייבן;
איך זאָל ווי דיין געבענטשטע האַנט —
שיינקייטן קענען באַשרייבן.

מלחמה־שאַטנס

מלחמה־שאָטנס האָבן די וועלט אַרומגענומען,
גייען מענטשן אום ווי אין טומאַן,
לויערט שרעק אין זייערע הערצער: וואָס וועט קומען? —
ס׳גייט די שרעק זיי נאָך אויף יעדן שפּאַן.

גייט זיי נאָך און וואַרפט אַ בייזע מורא,
עפּעס הענגט אין לופט — אָט פאַלט אַראָפּ,
וויקלט די וועלט אין מרה־שחורה, —
ס׳הויבט זיך נישט צום הימל מער דער קאָפּ.

קומט צו מיר אַ ווייסע טויב אין חלום:
נישט פאַרצווייפל מענטש, האָף און גלויב!
צערינען וועלן שאָטנס, און קומען וועט אַ שלום! —
אָ, ווי ס׳ווילט זיך גלויבן דיר, מיין ווייסע טויב!

גוט מאָרגן

דער ווינטער־טאָג איז טריב;
און לאַנג — די ווינטער־נאַכט;
זיץ איך אַליין אין שטוב
ביים פענצטער און איך טראַכט:

די פלאַנצן אין מיין גאָרטן
אין שטויב זיינען צעריבן;
מיין פייגעלע פון דאָרטן
האָט בייזער ווינט פאַרטריבן...

צו פליען פלעגט דאָס פייגעלע
קומען אַיעדן פרימאָרגן;
זיך שטעלן אויף אַ צווייגעלע
מיר זינגען אַ „גוט מאָרגן!"

איך פלעג עס דאַן באַזאָרגן
מיט עסן און מיט טרינקען;
און אירע פערל־אויגן
פלעגן ליבלעך צו מיר ווינקען...

פרעגט דאָס האַרץ מיינס, טריב:
„וואָס איז מיר איצט געבליבן?
אַז וואָס מיר געווען איז ליב
האָט בייזער ווינט פאַרטריבן?"

דיאַלאָג מיטן שכל... *

דער שכל זאָגט: ניט וויין, ניט וויין!
דו בלייבסט אַלצאיינס מיט זיך אַליין;
דער הימל איז צו הויך און ווייט,
און דאָרט בלייבט סוד — אין אייביקייט.

אָ, שכל מיין! כ׳פאַרשטיי דיך גוט,
נאָר ס׳האַרץ ווערט קיינמאָל ניט באַרוט
פון ווייכע רייד, פון קלוגן זאָג, —
די נאַכט בלייבט נאַכט, כאָטש ס׳איז הויך טאָג!...

ס׳בלייבט נאָענט דאָס וואָס ס׳איז גאָר ווייט,
און סהיילט ניט וואָרט, און ס׳היילט ניט צייט;
אין טרייסט-געזאַנג וועט ניט פאַרגיין
דער טיפער צער, דאָס שטיל געוויין...

* צום דאָזיקן ליד האָט שמואל פערשקאָ געשריבן מוזיק.

אָ, בייזער מזל מיין

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צו אַ בלומענגאָרטן,
וועט פירן מיך דער וועג;
און וואָס מיר פעלט, וועל איך געפינען דאָרטן —
דאָרט אויף יענעם ברעג.

האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד געדיכטן,
און ווייס ניט וואו צו גיין;
דאָס האַרץ פאַרגליווערט פון אומגעריכטן
שרעק, בלייבנדיק אַליין.

ווער האָט אַהער פאַרפירט מיך און געלאָזן
מיך דאָ מיט מיין פיין?
און הערן ווי די קאַלטע ווינטן וויינען, בלאָזן,
אָן אַ פונק פון זונענשיין?

— — — — — — — — — —

ווי אין וואַלד אַ שוואָם
זאַפּ איך אין האַרצן אַריין,
דעם פליסנדיקן שטראָם
פון ווייטיק און פון פּיין.

עס האַלט דאָס לעבן מיך,
ווי אונטער אַ שטיין —
און אַזוי אַליין וואָגל איך
מיט דעם בייזן מזל מיין...

אַ ליכט־שטראַל

כ׳קוק זיך צו טאָג נאָך טאָג
ווי די וועלט זעט אויס פון נאָנט און ווייט,
ווי זי טיילט נישט צו גענוג,
און גאָרנישט דעם וואָס לעכצט אַ טראָפּן פרייד...

אָפטמאָל מיין געבוירן־טאָג איך שעלט,
אַז איך זע — דורך פאַרטרערטע אויגן,
איינעם ליכטיקט אויף די וועלט
און פאַר מיר — קוים אַ שטראַל דורכגעפלויגן...

אָבער דאַנקבאַר בין איך אויך דערפאַר,
און אין לעבן איך געפין אַ האַפט,
ווען איך זע: אַ שמייכל ווי אַ שטראַל —
שיינט מיר, מיט אמתער פריינטשאַפט.

אַ תכלית

אַ ציל האָט זיך דער מענטש געשטעלט,
אַ תכלית זיך פאַרזאָרגן,
ער רייסט און לייגט אַזש איין די וועלט, —
פאַר אַ תכלית פאַרן מאָרגן.

בייטאָג די זון צעגליט אין גאָלד,
פאַרשיינט די וועלט מיט שטראַלן,
און פייגל אין דעם טיפן וואַלד —
אין שירה זיך צעשאַלן.

און די לבנה ביי דער נאַכט
העלפט די חלומות שפּינען,
דער מענטש נאָר האָט וואָס אויסגעטראַכט —
אַ תכלית זיך געפינען.

ער יאָגט זיך און אין ווילד געלויף,
וואָס מער אַריינצוקריגן,
און ווען ער זאַמלט שוין צונויף —
צום סוף בלייבט אַלץ דאָ ליגן...

אַזוי גיך

ווי אַ בלעטל אין אַ ווירבל־ווינט
ווערט געיאָגט די יוגנט גיך, געשווינד,
און די עלטער רוקט זיך אונטער שטילערהייט,
ווען מען איז צו איר נאָך ניט גרייט...

כ׳האָב נאָך דאַכט זיך גאָרנישט נישט געלעבט
און ס׳ווערט מיין ליידן נאָך ניט אויסגעשעפּט, —
פרעג איך דיך, באַשעפער, וואו איז רעכט?
לאָז מיך נאָך צום לעבן זיין פאַרקנעכט!...

ווי דער טאָג האָט געברויזט מיין זעל —
און די נאַכט שטייט שוין ביי מיין שוועל...
מיין בליק געווענדט צו זון, האָריזאָנט
און שוין באַשווערט און ציטערדיק מיין האַנט...

אַ לעבן לאַנג איך אַרבעט שווער
און די כוחות דינען שוין ניט מער,
אַ שאָטן איז געבליבן פון מיין פערל־שיין
און נישט מיט טינט, מיט בלוט און פיין

שרייב איך ס׳ווייטאָקדיקע ליד
פון אומעטיק און שווער געמיט. —
מיט וואָס, באַשעפער, בלייבט צו שטאַרקן זיך,
אַז די עלטער רוקט זיך אונטער אַזוי גיך???

זיי גנעדיק

אָ, גאָט, איך ווער אַלט!
באַקער צו מיר דיין אויג!
איך וויל ניט ווערן אַלט,
פיר מיך פון מיין גורל,
ווי אַ בלינדן פון אַ וואַלד.

אָ, גאָט, איך ווער אַלט!
כ׳וויל ניט פאַרלירן מיין געשטאַלט.
שטאַרק מיינע אויגן, פיס און הענט,
ס׳איז אין דיין ווילן אַלץ געווענדט;
איך וויל ניט ווערן הילפלאָז ווי אַ קינד,
אָ! לאָז מיך ניט אַ שטויבל אויפן ווינט!

אָ, גאָט, איך ווער אַלט!
זיי גנעדיק צו מיר און מיין ליד —
מיין גייסטיקן אָנהאַלט,
לאָז מיר יונג מיין פאַרשטאַנד און געמיט!

אין מיין זכרון

אין מיין זכרון איז באַהאַלטן
בריליאַנטן, איידל־שטיינער, —
פּאָרטרעטן פון ליבע געשטאַלטן,
צום טייערסטן — כ׳האַלט נאָר איינער.

אַ בילד פון פאַרשנייטע שליאַכן,
ווי אַ מיידעלע פּאָרט אויף אַ שליטן;
אַ מאַמעס אויג האַלט אין איין וואַכן, —
איר קינד פון אַן אומגליק צו פאַרהיטן.

פרילינג איז איצט געקומען,
די ערד טוט דערוואַכן;
עס שפּראָצן דופטיקע בלומען
אויף נאָר־וואָס פאַרשנייטע שליאַכן.

דער ווינט ווערט מילדער, מילדער,
די זון האָט זיך אויך געביטן;
נאָר מיין זכרון ווערט וואָס ווילדער —
פון בלום אין בלי פאַרשניטן.

אין אַ פעלד וואָס פול מיט זאַנגען
שטיי איך און איך טרויער:
די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
און אַרום ווערט גרויער, גרויער.

פון די אויגן טרערט אַ טרער,
און עס עגבערט מיין זכרון:
מ׳וועט ניט קענען זען שוין מער
די בלום פון פאַראַיאָרן...

דער טרוימער

(געווידמעט דוד קריוויצקי)

פון גייסטיקע קייטן אַ באַפרייטער,
אַ בויער און דערציער פון אַ דור,
גייט ער אויף שווערע וועגן אין געלייטער,
מיט זיינע גרויע — ווייסע האָר.

ער גייט מוטיק איבער דערנער
מיט זיין ליד פון זיין אידעאַל באַזעלט,
אויף שטיינערדיקע פעלדער זייט ער קערנער
פאַר אַ נייער שיינער, פרייער וועלט.

די נאַכט פאַרגייט פאַרן ליכטיקן פרימאָרגן,
און גרינגער ווערט דער דאָרנדיקער וועג,
צו טראָגן דעם טרוים וואָס ליגט פאַרבאָרגן,
צו אַ וויטן זון־באַהעלטן ברעג.

ער טראָגט זיין טרוים צו ווייטע ברעגן,
און זינגט זיין אומעטיקע ליד מיט פרייד,
און פון דער ווייטער וועט קומען אים אַנטקעגן —
די בליטן וואָס ער האָט געזייט.

פאַר אַ שענערע וועלט

(אַ מתנה מיין פלימעניצע שרה שאַרפהאַרץ,
צו איר גראַדואירן אַלס לערערין אין ישראל)

ס'האָט דיין נשמה די צאַרטע,
נאָך לערנען געגאַרט;
געקומען איז דאָס דערוואַרטע, —
האָסט דיין לערנען צו קינדער געבראַכט.

גיי אָן מיט דיין וויסן, גיי אָן מיט דיין קאָנען,
און לערן די קינדער דיר אָנגעטרויט, —
יידיש וויסן איז ליכט וואָס וועט אייביק ברענען,
ס'איז אויף אַ פעסטן יסוד געבויט.

לערן זיי קלייבן די פערל פון לעבן,
ווייז זיי אָן אַלץ וואָס איז שיין און גוט;
דאָס וואָס וועסט זיי מיט ליבע איצט געבן,
וועט שפּעטער זיי פירן אין לעבן מיט מוט.

פיר זיי און ווייז זיי אין דיין לאַנד,
ווי ס'בליט און ס'וואַקסט וואו געווען איז זאַמד.

פאַרזיי איצט אין יונגינקע הערצער די קערנער,
פון ליבע צום מענטש פון קאָליר אָן אונטערשייד,
זיי זאָלן ניט שטרויכלען אויף שטיינער און דערנער,
נאָר מיט בלומען באַצירט, זאָלן זייערע טריט.

געפאַלן אין קאַמף

(ביי דער לויה פון נ. כאַנין)

מיר גייען צום ארון מיט געמאָסטענע טריט,
צו געבן אויף אים דעם לעצטן בליק,
מיט הערצער פאַרקלעמטע און פיינלעך געמיט,
מיט געבויגענע קעפּ מיר גייען צוריק.

און זיצן פאַרשטומטע, קיין רייד איז ניטאָ,
דאָס האַרץ וויינט און עס ווייזט זיך אַ טרער נאָך אַ טרער,
וואָס קען מען איצט זאָגן אין דער פיינלעכער שעה ?
דער ליבער, דער האַרציקער מענטש איז נישט מער.

ניטאָ מער דער קעמפער פאַר אַלץ וואָס איז שיין.
פאַר אַלץ וואָס איז רעכט אין דער וועלט,
דער שונא פון אַלץ וואָס איז שלעכט און געמיין,
געלעבט נאָר צו היילן די קראַנקע וועלט.

ס'איז ליידיק געוואָרן זיין אָרט ; ווער פילט אויס
דעם חלל וואָס איז דאָ געבליבן ?
דער קאַמף איז ביטער אומגעהויער און גרויס, —
און עס זיינען די שדים נאָך ניט פאַרטריבן.

ס'וועט פעלן דער קעמפער, ס'וועט וועלן דער פריינט,
פון יעדן וואָס האָט ווען געליטן,
מיר זיינען פאַראבלטע, פאַרטרויערטע היינט, —
אַזאַ גלאַררייכער לעבן פאַרשניטן !

אײנזאַם

װאָס נאָענט געװען איז איצט פרעמד,
װאָס ליב איז געװען איז ניטאָ;
דאָס האַרץ איז פאַרביטערט, פאַרקלעמט,
דאָס לעבן אַרום — אַזוי גרוי.

אַמאָל האָט אַ בריװ מיר געבראַכט
נחת און פרײד אין מײן הויז;
די זון האָט צו מיר דאַן געלאַכט,
מײן װעלט — אַזוי שײן, אַזוי גרויס.

ביז ס׳האָט זיך מײן זוניקער טאָג
פאַרפינצטערט, פאַרכמאַרעט מײן װעלט;
דאָס האַרץ מײנס נאָר װײסט: נאָג און נאָג, —
אין בענקען נאָך דער װאָס מיר פעלט...

אַ ליכט אויסגעלאָשן...

עס לעשן זיך ליכטער אויס איינס נאָכן צווייטן,
און טונקעלער, טונקעלער ווערן די וועגן;
און פרעגסט זיך מיט צער: ווער וועט באַלד בלייבן ?!
נאָר ס׳קומט ניט קיין ענטפער, און בלייבסט ביי דעם פרעגן,

און שטאַרקער נעמט דריקן דער חושך אַרום דיר,
און ס׳ווייטיקט דער אומעט וואָס איז דאָ געבליבן,
צוזאַמען געלעבט, נאָר פאַרגאַנגען באַזונדער,
— אַזוי זאָל עס זיין! — האָט מען ערגעץ פאַרשריבן.

דו גייסט אויף די גאַסן מיט אָפענעם אויער,
צו אויפכאַפּן ווידער אַ טראָט אַ באַקאַנטן;
נאָר הערסט בלויז דעם שווערן, דעם דריקנדן טרויער,
וואָס גייט דיר אַנטקעגן פון אַלע פיר ראַנדן.

דיר קומען אַנטקעגן די שטום־טויטע זאַכן,
וואָס האָבן געלעבט, גערעדט און געזונגען;
גערעגט דיר צו טראַכטן, צו שמייכלען, צו לאַכן,
און זיינען מיט אים וואו פאַרגאַנגען, פאַרקלונגען.

מיין שליסל

איך היט דעם שליסל פון מיין טיר,
ווי עפּעס אַ טייערער חפץ פאַר מיר...
וואָלט איך אים, חלילה, ווינטער פאַרלירן —
וואָלט איך איינזאַם, אין דער קעלט, פרירן...

אָדער זומערנאַכט אין די היצן,
אויף אַ שטיין, ביז טאָג כ׳וואָלט זיצן...
היט איך שטאַרק דעם שליסל צו מיין טיר,
הינטער איר — געלעבט האָט לייבלעכעס צו מיר...

איך צייל

טעג, וואָכן און חדשים ווערן יאָרן,
בין איך שוין מיד חשבונען און ציילן,
די פריידיקע פאַרבאָרגן אין זכרון,
פון די טרויעריקע ניט אָפּצוטיילן...

טעג, וואָכן און חדשים, אוי, ווי שנעל פאַרשוואונדן!
און לייד אויף פרייד — האָב איך ניט צו בייטן,
ביידע זיינען זיי געקניפּט געבונדן
אין יאָרן אויף אייביק, אייביקע צייטן...

עכאָס טראָגן טרייסט פון וויטע־וויטן:
„אונטער אַ שטיין זאָמען זיך געפינען,
פרילינגס, זומערס, ווינטערס זיך בייטן, —
און בלומען וועט די זון נאָך דאָרט באַזונען"...

ברענגען זיי אויך מיר האָפענונג און גלויבן
אַז ס'לעשט זיך ניט מיין זון אין די הייכן?
איז גוט דער עכאָ־טרייסט און גלויבן,
אַז עפּעס וועל איך נאָך דערגרייכן...

צייל איך טעג, וואָכן חדשים און יאָרן,
ווי ספירה־טעג עס ציילט אַ פרומער ייד,
בענק נאָך דעם וואָס כ'האָב פאַרלאָרן, —
אַנדערש וואָלט קלינגען מיין ליד...

דער עכאָ

לײדיק איז דער פּלאַץ געבליבן,
נאָר אַ װידערקול
הער איך: דאָ געשריבן, —
דאָ געזעסן איז זי אַמאָל...

װי אַ פרישע בלום, װאָס דאָרשט
נאָך די זונענשטראַלן —
האָט זי געלערנט און געפּאָרשט
פון יידיש־אַלטע קװאַלן.

װי פון אַ קװאַל האָט זי געשעפּט,
קײנמאָל ניט מיד געװאָרן,
און געלערנט און געשטרעבט
פאַר שפּעטערדיקע יאָרן.

פאַר אַ שײנער גוטער װעלט
געװעבט האָט זי פאַרלאַנגען;
איצט — אונדז אַלעמען זי פעלט,
פאַרגאַנגען אַלץ, פאַרגאַנגען...

ניט באַוויין

ניט באַוויין, מיין פריינט, דעם נעכטן,
גיב אַ שמייכל צו דעם היינט,
וואָלקנס קומען, וואָלקנס שווינדן, —
און די זון דאָ ווידער שיינט.

מיין ניט אַז דער וועג פון לעבן
איז מיט בלומען אויסגעשפרייט,
וועלט האָט טאַקע פיל פאַרמעגן, —
אָבער גרעסער איז די נויט...

אין זיין וואָרט

(ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — אין אָנדענק)

אין זיין וואָרט איז יידיש־גלי
אין זיין ליד דאָס געזאַנג,
וואָס רייסט מיט שפּערישער מי
דורך יאָרן פון דיכטער־גאַנג.

זיין וואָרט פלאַמט מיט יידיש־קדושה,
וואָס מיט הייליקן ווילן צינדט הערצער אָן;
זיין פלאַם פון וואָרט אַ ירושה
פון אַ גרויסן מגידס זון.

ס׳וועט זיין קוואַליק וואָרט נישט ווערן אַלט,
ווי דער שטראָם נישט בלייבן שטיין;
ווי דאָס געזאַנג פון פייגל אינעם וואַלד —
וועט זיין ליד קיינמאָל נישט פאַרגיין...

מיינע פלאַנצן

אין פולע, מיט ערד, וואַזאָנע־טעפּעלעך
האָב איך פאַרזעצט די קערנדלעך
פון מאַראַנצן און ציטרינען —
און אין צייט דערזען זיי פלאַמיק גרינען.

אַיעדן טאָג איך פלעג זיי,
זאָרג ס׳זאָל ערד זיין פוכיק, ווייך,
און צו דער זומער־זון איך קער זיי, —
זי זאָל אַלע וואַרעמען צוגלייך.

און אין מיין פלאַנצן פרייד איך פיל,
נאָר אָפּט אַ קנאה מיין בליק פאַרטרערט,
ווען איך דערמאָן זיך אין דער שטיל: —
דאָס לעבן וואָס בליט ניט מער...

אויף ניו־יאָרקער גאַסן

אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס, שטיינער און צעמענט,
וואו ס׳שפּיגלט זיך די זון אויף טורעם־ווענט, —
און מענטשן מיד, פאַרטראַכטע אין געאייל
דאָ און דאָרט פאַרשווינדן אין אַ וויילע...

האָב איך איין מאָל טויבן צוויי געזען,
ווי עפּעס גרויליקס וואָלט מיט זיי געשען...
צוויי טויטע ליגן זיך באַנאַנד,
ווי געטראָפן פון טויט־געצילטער האַנט,

צי גאָר פון הונגער איינגעשטילט,
אויף יענער גאַס וואו מענטש אין ערגעץ צילט...
ווי ניט פאַרשפּעטיקן זיין זשויב, —
ער איילט פאַרביי — אַ הונגעריקן מענטש, אַ טויטע טויב...

אַליין מיט זיך

פון זיך זי וויל אַנטלויפן,
איז ענג פאַר איר די וועלט;
און ס'איז נישטאָ צו קויפן
אָט דאָס, וואָס איר פעלט.

זיצט זי אין אַ ווינקל
פאַרכמורעט און פאַרטראַכט;
עס איז דער טאָג איר טונקל,
און פינצטערער — די נאַכט.

די חלומות אירע, שיינע,
האָבן בייזע ווינטן צעטראָגן;
פון אירע נאָענטסטע — איינע
איז זי מיט זיך פאַרבליבן.

זיצט זי געבויגן אין דרייען,
פאַרטיפט אין אייגענער וועלט;
דעם שונא, ווי ניט צו דערפרייען —
איר ווי' אויך פאַר פריינט זי פאַרשטעלט.

אין אָנדענק פון די קדושים

ניט בעט ביי מיר קרובים צו דערמאָנען...
די אומגעברענגטע פון דייטשן, ימח־שמם!
צו גרויס די צאָל, צו ווייטיקדיק דאָס אַנען —
די וואונד נאָך פלאַמיק־רוי! שרייט אַרויס פון תהום...

ווער קען פאַרגעסן זיי!
שטענדיק פעלן זיי מיר אויס...
און אַ וועלט ז׳נאָך טויב צום וויי־געשריי...
וואָס פון ברידער־קברים שרייט אַרויס.

און וואָס איז מיר געבליבן פונעם פייער?!
אומעטיקע בילדער אויף די ווענט...
אין אָנדענק שרייבן מיט אַ בלייער
די שורות... אין טרערן אויסגעברענט...

פאַר מיין פענצטער

פאַר מיין פענצטער פליען
פיל פייגעלעך פאַרביי;
צוביימער וואו זיי ציען —
און זאָגן אָן: ס'איז מאַי!

אָט פליט זיך איינס אַליין,
אין שנאָבעלע אַ פעדער;
צו אַ נעסט דאָרט אין געהיים,
אַז וויסן זאָל ניט יעדער...

אויף צווייגעלעך פון פלאַנצן
טוי־טראָפּנדלעך הענגען;
ווי פערל העל זיי גלאַנצן,
צו בליען — קראַפּט זיי ברענגען.

אין מאַיאיקע פאַרטאָגן,
ווען אַלץ וואַכט אויף און בליט;
נעמט אויך אַ בענקשאַפט נאָגן
נאָך בלום, וואָס בליט מער ניט...

אָן מורא

די גרוילן פון לעבן
מיך שרעקן ניט מער,
זינט ס׳האָט מיר געגעבן
נאָר טרער נאָך אַ טרער...

ווער ס׳לעבט נאָר אין נויט,
אָן פריינט אָדער קרובים,
און אָן ימים טובים —
דעם שרעקט ניט דער טויט.

נאָר גייט מען אַזוי מיטן
טויט האַנט אין האַנט —
שטייט ס׳לעבן אינמיטן
ווי אַן אייזערנע וואַנט...

און ווען מיר באַווייזט זיך
אַ שטראַל נאָר פון פרייד —
אין האַרצן עס רייסט זיך
די קוואַל פון מיין לייד...

אין געוויין

די ערד, ווי די מאַמע,
האָט אונדז געזויגן,
נאָר ווי אַ וואָלפיש
זי שלינגט אונדז איין,

די זון פון דער הויך
קוקט אַ שטאָלצע מיט שיין
נאָר מיר, מיר פאַרשטעלן זיך די אויגן —
אין געוויין.

דער ווייטאָק האָט אין האַרצן זיך איינגעשלאָסן,
און איך שטיי פאַרטראַכט —
דאַכט זיך, האָט זיך אין שיין צעגאָסן,
און שוין, שוין איז געוואָרן נאַכט.

ערשט איז געווען דער הימל אַ בלויער,
און שוין: פאַרכמאַרעט, פאַרטרערט,
די לבנה באַהאַלט זיך פון דעם טרויער,
ווען ס׳ווערן בלומען פאַרצערט.

אַ טרויער איז נאָך ניט פאָריבער,
און אַ צווייטער רעגט דאָס האַרץ מיט פיין,
געבויגן שטייען מיר ביים פרישן קבר
און שלינגען טרער נאָך טרער —
אין געוויין.

עוזיאל פליישמאַן

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

איך פאַרפלאַנץ פאַר דיר דאָ רויזן,
אין שבת צו דיר און לויב —
אַז קיין רוחות וועלן עס ניט צעבלאָזן,
און ניט פאַרוויאַנען עס אין שטויב...

דו האָסט יעדן איינעם אַ האַנט געשטרעקט —
דו, דער מייסטער פון דינסטן ציטער;
יעדן איינעם מיט וואָרט געמוטיקט —
דו, — פון קלאַנג און וואָרט דער היטער.

ביסט רק געזעסן ביי יעדנס זוים,
האָסט ניט געטראַכט פון אייגן לוין;
צו העלפן וועמען — דיין שענסטער טרוים,
דו מיט גאָלדן האַרץ באַקרוינט.

דאָך, דיין ווונטש, דיינע פאַרלאַנגען,
דיין שטילן זיפץ האָט קיינער ניט געהערט;
האָסט ניט אויסגעשפילט דיינע געזאַנגען,
פאַרבליבן נאָר אין אויג איז טרער...

צו שפעט

ווען דו לעבסט אַדורך
שניי און קעלט און רעגן,
מיט אַ שווער געמיט
און צעבראָכענעם גייסט —
זעלטן קומט דיר דאַן
ווער עס איז אַנטקעגן,
מיט אַ האַנט פון הילף,
צי אַ וואָרט פון טרייסט...

ווען עס וואָלטן מענטשן
זיך די מי געגעבן,
וואָלטן זיי פאָרויס
מיטלען שוין גענומען
ווי צו מאַכן גרינגער
יענעמס שווערן לעבן —
און עס וואָלט צום אומגליק
אפשר ניט געקומען...

נאָר דערנאָך, ווען שוין
ס'אומגליק איז געשען,
און פון אויגן טריבע
הייסע טרערן רינען,
נאָך דעם, וואָס איז דיין קרוין
די טייערסטע געווען —
איז שוין דאַן צו שפעט
טרייסט-ווערטער צו געפינען...

עלעגיע

אָ, לאָז מיך, פריינט, אָנשפּאַרן מיין קאָפּ אויף דיין ברוסט !
איך בין פון האָפן שוין געוואָרן אַזוי מיד.
דאָס לעבן האָט באַרויבט מיך פון מיין לעבנס־לוסט, —
פון טרוימען איז געבליבן מיר אַ שווערער געמיט.

צו־פרי פאַרגאַנגען פון מיר די זון.
די טעג — פאַרלאָזטע, אומעטיק און טריב.
איך זינג מיין ליד פון צער, נאָר ס׳ווערט דערפון
מיין בענקען ניט געשטילט נאָך דער וואָס איז מיר ליב.

דער קלאַנג פון זומערדיקער פרייד פאַרקלינגט,
און מיך נעמט דורך אַ קאַלטער אָסיען־ווינט ;
צי קען מען דען פאַרגעסן וואָס די נאַכט פאַרשלינגט,
און ווייסט אַז ס׳וועט צוריק ניט קומען וואָס ס׳פאַרשווינדט ?

וואו זאָל איך אָנשפּאַרן מיין מידן קאָפּ,
און הערן ווי מיין האַרץ זי רעדט צום שווער געמיט ?
און ווען דער טאָג פאַרגייט, די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ,
זאָל איך דורך טרערן זינגען מיין בענקענדיקע ליד.

נאַטור און מענטש

דאָסביימעלע רייסט זיך
דורך דריקנדיקער ערד,
אָן שרעק פאַר סכנה;
פון אַ דראַנג גענערט
צו דינען דער וועלט
ווי נאַטורס מתנה...

ניט קעגן ווינט און קעלט
זיך אַליין צו שיצן,
נאָר פריי און פראַנק
צו שטיין אויפן פעלד
און ברענגען דער וועלט
בלויז גוטע נוצן.

עס וואַקסט מיטן ווילן
מיט זאַפטיקע פרוכטן
באַצירט צו ווערן,
כדי צו דערפילן
דעם מענטשנס באַגערן
זיין הונגער צו שטילן.

— — — — — — — — — —

מיטן מענטשעלע, קליין,
איז עס דווקא פֿאַרקערט:
מיט געשריי און געוויין
געבוירן ער ווערט:
און מען מוז אים פֿאַרוויגן
מיט געזאַנג פֿון אַ ניגון...

ער וואַקסט מיט פֿאַרלאַנג
צו עסן און טרינקען.
און וואָס ס'איז דער עיקר
ער לעבט מיט דעם מיין,
אַז פֿאַר אים נאָר אַליין
איז די וועלט אַ געשאַנק...

די פאַרלוירענע קרוין

מיט וואונדער איך באַטראַכט,
אין האַרבסטיק טריבן וועטער,
ווי פון דעם בוים די בלעטער,
מיט זייער נייער פראַכט
פון רעגנבויגן־פאַרבן,
אין אָפּגעלעבטער צייט,
אַרום זיין יעדער זייט —
שוין גרייטן זיך צו שטאַרבן...

און כ׳באַדויער אָט דעם בוים,
וואָס זומער פלעגט שטאָלצירן
מיט זיין שיינער, גרינער קרוין,
און פון אַרום דעם רוים
ער פלעגט אַזוי באַצירן...
וואו קען ער טרייסט געפינען
ווען ס׳האַלט שוין אין צערינען
זיין זומערדיקער טרוים?...

ער קוקט מיט שטאַרע אויגן
ווי ווילד פון זיינע צווייגן
דער ווינט מיט שטאַרקע פליגל
די בלעטער רייסט אַצינד...
ער זעט אויס, און מוז שווייגן,
ווי אַ מאַמע, וואָס געבויגן
שטייט איבערן ליידיק וויגל
פון איר פאַרלוירן קינד...

די לערערין העלען *

די האַרבסט־טעג ווערן קלענער, קלענער,
דער טונקעלער הימל שווערער, טריבער;
די קינדער אַרום איר לוסטיק, שענער...
די לערערין, ס׳יידיש לערנען ווערט זיי ליבער...

זי איז געווען אַ רינג אין גאָלדענער קייט: —
מיט יידיש וויסן, קלוגשאַפט באַזעלט;
און מוטערלעך געוועזן אירע רייד
צו קינדער, — געזוניקט זייער וועלט...

עס רייסט זיך מיר פון האַרץ אַ טרויעריק געזאַנג,
אַ ווייטיקדיקע ליד פאַר איר, אין אייביקייט אַוועק...
איר וואָרט, איר ליכטיקע געשטאַלט, גאָט־געשאַנק,
זאָל ליכטיקן איר אָנדענק אויפן יידיש־וועג...

* העלען פענצטער — לערערין פון דער פּערל ציטרין אַרבעטער־רינג שול נומ. 3.

ווערטער ווי פערל

(דער דיכטערין ברכה סטאָלאָווי צום דערשיינען

פון איר בוך לידער)

דו האָסט דיינע ווערטער ווי פערל געקליבן,
פון דיכטערשן שאַפן באַזעלט,
און האָסט דיינע פריידן און לייד איינגעשריבן
אין בוך וואָס דו רופסט אָן „מיין וועלט".

האָסט נעכט ניט דערשלאָפן און אָפט ניט דערעסן,
באַוועגט פון אַ טיפן פאַרלאַנג,
די מענטשן אין עלנטקייט נישט צו פאַרגעסן,
נאָר ברענגען זיי טרייסט און געזאַנג.

דערפאַר איז דיין ליד ווי פון זייד אויסגעשפונען,
מיט איידעלן, צאַרטן געפיל,
און האָסט צו דיין יעדן געדאַנק אויסגעפונען
די ווערטער וואָס טרעפן אין ציל.

ס'איז ברכה דיין נאָמען, דיין דיכטערשע שאַפונג
איז אויך פונעם הימל אַ ברכה,
טאָ נעם אויך פון אונדז אָן די ברכה פון האַרצן, —
אַז גליקלעך זאָל זיין דיין מערכה!

אַמאָליקע פּאָעטן

וואו נעמט מען די אַמאָליקע פּאָעטן
וואָס האָבן אין טומל און האַרמידער,
אין רויש פון מאַשין געשאַפן —
זייערע האַרצעדיקע לידער ?!

וואו נעמט מען די אַמאָליקע פּאָעטן,
וואָס האָבן זייער הונגער פאַרשלייערט,
און ביים שמידן דאָס הייסע אייזן —
אַרבעטער־לידער אויסגעפייערט ?!

דאָס פאַרבאָרגענע

אַ וואָרט, אַ ניט דערזאָגטער,
געדאַנק — אַ בליץ־פאַרביי,
ערגעץ ווייט פאַרטראָגט ער,
און ס׳איז דאָס ליד כדאַי.

ס׳איז עפּעס וואָס פאַרבאָרגן
אין האַרץ ביי דיר וואָס טרייבט —
צום אומבאַקאַנטן מאָרגן,
צום סוד וואָס סוד פאַרבלייבט...

וואָס איז דאָס, דאָס ניט דערקלערטע?
וואָס איז דער טיפער סוד?
ווי ווערטער ניט דערהערטע
אין תפילה טאָן צו גאָט?

דערזעסט ווי טיף און ברייט איז
דאָס לעבן, און ווי שיין,
ווילסטו יענע סודות,
דאָס פאַרבאָרגענע פאַרשטיין.

אין קלעם

אירע אויערן וואַך, די אויגן אָפן,
אַלץ באַנעמט זי און באַטראַכט,
נאָר דאָס וואָס איר האָט געטראָפן, —
האָט מיט שווייגן אירע ליפּן פאַרמאַכט...

נאָר אינעם טרערן אוןליידן תהום —
וואָס האָט זי פאַר אַ ווערט ?
קען עמיצער פאַרהאַלטן דעם שטראָם
פון ליידן וואָס איר איז באַשערט ?...

האַלט זי אירע ליפּן פאַרשלאָסן
און איר ביטערן גורל פאַרנעמט ;
דאָס אומגליק וואָס האָט איר געטראָפן —
מיט צער האָט ס׳האַרץ איר פאַרקלעמט...

מיין ליד

איך בין שוין מיד פון זוכן נאָכאַנאַנד
מיין מזל־שטערן אין מיין נאַכט;
ס'שטייגט אומעטום אַנטקעגן מיר אַ שוואַרצע וואַנט,
וואָס לאָזט ניט צו קיין שיין... נאַכט און נאַכט...

איך בין שוין מיד פון תפילה טאָן צו גאָט
ער זאָל דערהערן מיך, דערלייזן מיך פון צער,
נאָר שטיל פאַרקלינגט מיין קול ווי מיין טראָט,
די פוסטקייט אַרום מיר — איז מיין שכר...

אומזיסט מיין זוכן, מיין תפילה איז פאַרשטומט
און שווערער ווערט דאָס האַרץ און מיין געמיט;
פון ערגעץ נישט קיין ענטפער קומט —
איך בין פון זוכן, תפילה טאָן שוין מיד...

דאָס לאַנד זאָל זײַן

צי קאָן דען ווער ס׳איז אָפּשטעלן די האַנט,
וואָס זייט און פלאַנצט און בויט דאָס לאַנד?
פאַרמינערן די האָפנונג, דעם מוט,
וואָס זינגט אַרויס פון אונדזער האַרץ און בלוט?

צי קאָן דען איצט אונדז אָפּשרעקן דער גרויל
פון לויערדיקן שונאס כעס און קויל?
צי קאָן דען ווער פאַרוויסטן אונדזער פעלד,
וואָס איז צעגרינט, די ערד וואָס איז צעקוועלט?

מיר האָבן לאַנג געטרוימט און לאַנג געגאַרט
נאָך אונדזער אייגן לאַנד — און זיך דערוואַרט,
אַז דורך דער וואָר פון אַרבעט, מי און פּיין —
דאָס לאַנד זאָל זײַן!

ישראלס פרילינג

אַ ניי געזאַנג צו ישראל.
זאָל ווי אַ שופר זיך צעשאַלן,
פאַר דאָרשטיקע אין אַ געקוועל
פון פרישע קוויקנדיקע קוואַלן.

געזאַנג פאַר יעדער גוטער האַנט,
וואָס טוט דאָרט געבן, בויען, פלאַנצן.
פאַר נייעם קינד פון אונדזער לאַנד,
וואָס וועט דעם עתיד אונדז פאַרגאַנצן.

אַ לויב פאַר יעדן מינדסטן טרוים,
וואָס האָט צעצייטיקט זיך אין זאַנגען:
וואו יעדער גאָרטן, פעלד און בוים
איז גרין צעזמרט אין געזאַנגען.

פאַרלאָזן

דו האָסט די זון פאַר מיר געלאָזן,
נאָר זי וואַרעמט מיך ניט מער,
לבנה, שטערן, בלומען, גראָזן
וועקן מער ניט מיין באַגער.

אָן דיר — די שיף איז געבליבן
שטיין אין מיטן ים;
ניטאָ וועמען צערטלען ליבן, —
נאָר בענקשאַפט, אומעט־טעם...

ביינאַכט אַ שאָטן שלייכט זיך
אין גאָרטן, ניט פאַרזייט;
דער טאָג ווערט טונקעלער און טונקלט זיך,
און אין דער טיפער נאַכט פאַרגייט.

די ערד געבליבן ניט צעאַקערט,
די זוימען ניט צעשפרייט אַרום,
פאַרלאָשן איז דער פלאַם וואָס האָט געפלאַקערט,
און אַלצדינג איז ווי דער שאָטן שטום...

אומרו

דער ים־געוויש פאַרשלינגט
דאָס רעשן פון דיביימער,
פון ערגעץ ווייט טראָגט דער ווינט
אַ שטיל געוויין...

אויך ביים בלויען ים
געפינט זיך איינער —
וואָס טראָגט זיין טרויער
און פיין אַליין־ער...

עס ציטערן די פענצטער,
ס׳בלאָזן שטאַרקע ווינטן,
און ס׳גיט די נאַכט דעם מידן
קיין רו — אין פיין פאַרשפינטן...

עס טראָגט זיך ס׳וויינען פון אַ קינד,
דערגרייכן צו דער מוטער (אין איר צער),
פאַרשלינגט עס רעש און ווינט
און גרעסער ווערט די אומרו, דער קאָשמאַר...

עכּאָס

עכּאָס, הערן נישט אויף צו קלינגען,
עכּאָס פון לידער — לאַנג צוריק, —
האַרציק פלעגן מיר זיי זינגען
אין טונקעלן שאַפּ, אין דער פאַבריק.

קלינגען עכּאָס פון די לידער, —
און די דיכטער פון אַמאָל —
לעבן, לעבן אויפעט ווידער, —
זינגען מיר זייערע לידער נאָכאַמאָל.

ווער קען עדעלשטאַט פאַרגעסן,
ראָזענפעלד און משה־לייב,
ווינטשעווסקי, רייזען, ליעסין,
רויזענבלאַט און מאַני־לייב ?

קומען עכּאָס און דערמאָנען —
רוף פון ליד, צו ווערן פריי !
עכּאָס, עכּאָס וועקן, מאָנען :
ס'איז דער פרייהייטס־קאַמף נאָך ניט פאַרביי !

פערל *

(יידישע ווערטער — ערשטע ווערסיע)

די יידישע ווערטער איך קלייב זיי,
ווי פערלביים ברעג פונעם ים.
עס לעבן די ווערטער ווען כ׳שרייב זיי,
בין שטאָלץ מיט מיין יידישן שטאַם.

איך שעפּ זיי די ווערטע רפון קוואַלן,
וואָס רוישן — באַרוישן ווי וויין;
זיי שיינען ווי זוניקע שטראַלן,
טיף, טיף אין מיין האַרצן אַריין.

איך צערטל די יידישע ווערטער
פון ליד וואָס דערהויבט און באַלוינט;
ס׳ווערט נענטער פאַר מיר דאָס באַגערטע,
פון וואָרט, וואָס מיין ליד האָ טבאַקרוינט.

אין יידישן ליד כ׳האָב געפונען
אי פרייד, אי געלייטערט געמיט...
מיט הייליקייט האָב איך געשפּונען
די ווערטער פון דאָזיקן ליד.

* די מוזיק צום ליד פון מיכל געלבאַרט געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

אַ ב ק ש ה

איך בעט אונדזערע יידישע קאָנצערט־זינגערס, אַז ווען זיי
וועלן זינגען מיינע לידער: נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען
דעם נאָמען פון מחבר. דאָס וועט זיין מיין שכר...

ג. פּ. צ.

מוזיק אָפּטיילונג

ק אָ מ פּ אָ ז י ט אָ ר ן :

מיכל געלבאַרט

מרדכי ירדני

הענעך קאָן

שמואל פּערשקאָ


ANDANTE
TZU MAIN FEN-TER KU-MEN TOI—BN KU-MEN KU-MEN ZORG-LEN
OICH MAIN TOIB VOS IZ FAR-FLOI-GN TZU DI HIN-LEN HIN
FRAI VU.
SHTE—LN OIS ZICH BA MAIN FEN-TER MIT A VOR— KE-RAI.
ZOGT IR DOR TN LI-BE TOI-BN CHOB DO NIT KAIN RU.
-RAI. RU.
TOI-BN KLEI-NE TOI-BN SHEI-NE HOT IR VU OI VU GE-ZEN
FLI-EN VU A-VEKDI TOI—BN VERT MIR VERT MIR A-ZOI SHVER
DOR-TN IN DI TI-FE HOI-CHN VU IR VU IR ZEINT GE-VEN OICH MAIN TOIB VOS IZ FAR-
BLAIB ICH AIN-ZAM IN MAIN BEIN-KEN UN IN OIG IN OIG A TRER. BLAIB ICH AIN-ZAM IN MAIN
-FLOI-GN HOT IR ZI DORT NIT GE-ZEN A— A—
BEIN-KEN UN IN OIG IN OIG A TRER A— A—
VU IR ZEINT GE—VEN.
UN IN OIG A TRER.


MODERATO
P
1. TZU MAIN FEN-STER, KU-MEN TOI-BN, KU-MEN ZORG-LOZ FRAI.
2. S'IZ MAIN TOIB, MAIN EIN-TZIR TOIB OICH, IN DI AIN-LEN VU.
RIT.
SHTE-LN ZICH BA MAIN FEN-STER MIT — A VOR-KE-RAI
ZOGT IR DOR-TN, LI-BE TOI-BN, ICH HOB DO NIT KAIN RU.
MF
TOI-BN SHEI-NE, TOI-BN KLEI-NE, VU ZAINT IR GE-VEN? HOT IR IN DI
FLI-EN VU A-VEK DI TOI-BN, UN MEN HERT KAIN VOR-KEN MER. BLAIB ICH AIN-ZAM
PP
HOI-CHE SFE-RN, OICH MAIN TOIB GE-ZEN—. HOT IR IN DI HOI-CHE SFE-RN,
IN MAIN BEIN-KEN, MIT A PE-RL TRER. BLAIB ICH AIN-ZAM IN MAIN BEIN-KEN,
RIT.
2.
OICH MAIN TOIB GE-ZEN. TOI-BN KLEI-NE, TOI-BN SHEI-NE, VU ZAINT IR GE-VEN.
MIT A PE-RL TRER.
RIT.
FINE
HOT IR IN DI HOI-CHE SFE-RN, OICH — MAIN TOIB GE-ZEN.
COPYRIGHT BY M. SYROEINI 1966


ALLEGRO
DI DO-REM ZUN HOT OP-GE-FARBT OIF BRONZ IR VAI-SE HOIT. DI
DI TROT IR TROT A TAN-TZN-DI-KER RIT-MI-SHER GE-BOIG. DI
OI-GN I-RE KOI-LN TZVEI FA-ER-DIK TZE-GLIT. DI SHEI-NE LI-PN VI DER VAIN
RUN-DE HIF TN VE-RN FUN YE-DN TROT TZE-VIGT. A SOD GLANTZT FIN-KL-DIK FUN IR
LO-KN-DIK UN ROIT UN VI DER ROI-TER VAIN RILT UN BRIT. IR
BLOI- EN OIG. DER-TZEILT VOS FF IN IR SHTU-REN-DI-
1.
2.
IR HAR-TZN LIGT. -
-KN
REF.
RAI RAI RAI RAI RAI RAI RAI -
RAI RAI RAI RAI RAI RAI RA -
RAI RAI RAI RAI RAI RAI RAI
CRESC.
RA — . RAI RAI RAI RAI
1.
RAI RAI RAI RAI RAI — —
2.
RAI RAI RAI RAI RA DOS
CODA
ff
RAI RAI RAI RA RA — — — — — —
SECONDTIME CODA


מוזיק: מרדכי ירדעני
די אייביקע וואכט
(1960)
ANDANTINO
COPYRIGHT BY M.S. YARDEINI, 1960, U.S.A.

ווערטער: גיטל גוטמן   מוזיק: שמואל פערשקי

אין אונדזער קעמפ



פּערל (יידישע ווערטער)



מוזיק: מכבי ורדיני   שיפעלע מײַן   טעקסט: גיטל גוטקין



דאָס רעדל פון דער וועלט

מוזיק: הענעך קאָן

טעקסט: גיטל צייטלין



ש. גרינשפאַן

גיטל ציטרינס לידער

אין גאָרטן פון יידישער דיכטונג, געפינען זיך ביימעלעך, וועלכע זעען זיך נישט אָן צווישן די ברייטע, שטאַמיקע דעמבעס. זיי פאַרמאָגן אָבער זייער אָרגינאַליטעט און חן, זיי וואַקסן און גיבן פרוכט. זיי ווערן אָבער געשטעלט אין שאָטן דורך די גרויסע ביימער.

גיטל ציטרין איז אַ דיכטערין, וועלכע פאַרמאָגט אָריגינאַליטעט און גיט איר אייגנאַרטיקן צושטייער דער יידישער דיכטונג.

דאָס צענטראַלע אין אירע לידער איז דער מענטשלעכער שיקזאַל. זי פּרואווט פאַרשטיין זיין גורל און דעם מענטש בכלל. זי זעט דעם מענטשן אין זיין באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף; אין זיין אויפּבּרויז און מילדקייט; אין זיין „סנה בוער באש" און אין זיין אויסגעלאָשנקייט און זי קומט צום אויספיר אַז:—

מענטש ווי פלאַנץ —
צו ערד געהערט
מענטש אין גלאַנץ —
פאַרגעסט זיין ווערט.

שורות וואָס דערמאָנען אין לוצקיס ריטם.

אין אירע לידער קומט אויך צום אויסדרוק דער מענטש, ווען זי וויל נעמען אין שוץ; דעם מידן וועמען זי וויל געבן רו און מנוחה אונטער איר שאָטן.

ציטרין וויל געבן אויסדרוק צו אירע געפילן און געדאַנקען און זי באַקומט איר סאַטיספאַקציע אין איר ליד. די יידישע ווערטער וועלכע זי קלייבט צו איר ליד, זאָגט זי, — זיינען „ווי פערל ביים ברעג פון ים". זי צײלט פאַרזיכטיק די ווערטער ווי די קלאַנגען פון אַ סימפאָניע און זי טוט שפּילן דעם וואָרט־קאָנצערט בכדי צו שטילן איר ווייטיק דורך ליד. איר ליד איז אַ טיף מענטשלעך שטרעבן, פייַנפול זיכן נאָך עפּעס וואָס איז ווייט־ווייט פון מענטשלעכן גרייכן, פאַר דעם הימל ווייטן איז זי גרייט דאָס בעסטע מקריב צו זיין. עס איז דער ליידנס־אויסדרוק פון מענטשן וועלכער קען זיין טרוים נישט גרייכן. עס קומט אין איר ליד צום אויסדרוק דער אוני־

ווערסאַל מענטשלעכער עגאָ; טרויער און פרייד, ליכט און שאָטן און דאָס שטרעבן צו שלום פון געמיט און געוויסן.

איר פערז איז אַ פיין־געשניצטער, ליריש צאַרטער, געשריבן אין אַ בין־השמשות פון מענטשלעכן זיין. ס׳איז אַ געמיש פון חלום און ווירקלעכקייט; פון צער און האָפערדיקייט. פון שאָטן און ליכט; פון רעזיגנאַציע און האָפנונג.

אַזוי מישט זי די פאַרבן פון טויט און לעבן, פון פרייד און צער.

ציטרין וויל פאַרשטיין דעם מענטשנס גורל. זי דערגרונטעוועט זיך אָבער נישט צום פּראָבלעם אין זיין גרויסער טיפקייט. זי זעט נאָר דעם מענטשנס שיקזאַל, אָבער קען נישט געפינען דעם ענטפער. אָפט איז דער איינדרוק אַז זי שטרעבט נישט צו האָבן דעם ענטפער, נאָר באַנוגנט זיך מיט דערזען אַ סיטואַציע.

ווי אַ מענטש וואָס האָט דורכגעלעבט אַ טיפע מענטשלעכע און מוטער־לעכע אויפטרייסלונג, — קען זי נישט אָננעמען אַ פאַרענטפערונג. זי שרייט נאָר אויס דעם: פאַרוואָס?!

די דאָזיקע ליידן דריקט זי אויס אין ליד „אין מיין זכרון״:

דער ווינט ווערט מילדער, מילדער,
די זון האָט זיך אויך געביטן;
נאָר מיין זכרון ווערט וואָס ווילדער —
פון אַ בלוס אין בלי פאַרשניטן.

דערפאַר זעט זי אָפט דעם שטן, דעם בייזן שלאַנג, וואָס איז גרייט נאָר צו פאַרצוקן. און אין דעם וואונדערלעכן הינטערגרונט פון אַ זון וואָס פאַרגייט, ראַנגלט זיך ממעמקים דער מענטש אַן אַ ברעקל האָפנונג.

גיטל ציטרין איז זייער פילבאַר צו טראַגישע געשעענישן. מיט דעם טויט פון אברהם רייזען, פילט זי די גרויסע אבדה פאַר דער יידישער לי־טעראַטור.

„מאי קא משמע לן דער רעגן אויף די שויבן,
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערן?...״
אין גאָרטן וועלקן איצט די טרויבן,
בעכערס איבערפולט מיט טרערן...

אין דראַנג נאָך אַ וועלט פון פעלד, זון און גרינס, וואַכט אויף צער אין איר געמיט. מיר געפינען כסדר אין אירע לידער דעם געראַנגל פון מוט און רעזיגנאַציע, פון פרייד און צער. די דאָזיקע אייביקע באַגלייטער אין

מענטשנס לעבן באַקומען אויסדרוק אין אירע לידער. דער גערעאַנגל פון מענטשלעכער פסיכיק זיינען אָפּט בולט אין אירע לידער.

די דיכטערין פאַרגלייכט זיך צו אַ מאָלערין וואָס זיצט און קלערט וואָס צו מאָלן. זאָל זי מאָלן (אין „אויף אַ שטיין"):

די וואונדער פון אַרום —
נאַטורס פּאַנאָראַמע;
צי מאָלן אַ גוסטדיקע בלום,
וואָס האַלט קוים אירע בלעטלעך צוזאַמען?

ס'איז דער פעסימיזם פון אַ מענטשן ביי וועמען „עס לעשן זיך ליכטער איינס נאָכן צווייטן" דער מענטש וועלכער אַכט „אַ טראָט אַ באַקאַנטן", אָבער אָנשטאָט הערט זיך דער „שווערער, דריקנדער טרויער" און דאָס נישט געפינען די באַגערטע מענטשלעכע שלוה. אַ ווילן פון איינעם צו גרייכן נישט באַגרייפלעכעס, אַ אַנטלויפן פון זיך.

גיטל ציטרין ווערט קרעפטיקער אין איר דיכטונג. פיל פון אירע לידער זיינען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, בעיקר אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". זאָלן אָט די אָפּשאַץ־ווערטער דינען ווי אַ סטימול צו איר און בעיקר אויך צו די נייע און יונגע דיכטער אין יידיש. די דאָזיקע דיכטער זיינען אַ טייל פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן. עס דאַרף זיי געגעבן ווערן מער אויפמערקזאַמקייט און דערמוטיקונג.

(איבערגעדרוקט פון זשורנאַל „אויפסניי", נומער 19, פרילינג 1958, ג. י.)